בס"ד


שנה ג'
נומער קל"ד
**פרשת בלק**
תשפ"ב


# קרית ברסלב בלעטל

צום פינטל:

**קען מאטי זיין ר' פייטל?**

נייעס:

**אנ"ש ליידן גרויסע בזיונות**



## סיום מסכת יבמות ליל ששי פרשת חקת

## אין קרית ברסלב ליבערטי



**סיום מסכת יבמות**
**מיט די עלטערע קינדער פון שטעטל**

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
136-Huschke Rd Hurkeyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169

## א ווארט פון דער רעדאקציע

### צום פינטל

לכבוד אלע חשובע ליינער

גאר גוטע גריסן הערט מען צוריק פון די חשובע ליינער בנוגע דעם ארטיקל "צום פינטל" געשריבן דורך "שמאי שטראוז".

מענטשן האלטן אין איין פרעגן "ווער איז דער שמאי שטראוז", עס איז זייער פארשטענדליך אז מען וויל דאס וויסן, מען פארשטייט דאס, און איך וועל דיר זאגן דעם אמת, מיר וואלטן אויך געוועהן אינטערסאנט צו וויסן ווער דאס איז, איך וואלט מן הסתם אויך פראבירט געוואויר צו ווערן ווער עס שטייט אינטער דעם.

לעת עתה וויל נישט דער שרייבער מען זאל וויסן ווער עס שרייבט דאס, און אויב ווילט איר האבן אזעלכע געלונגענע ארטיקלען ווי ביז יעצט איז בעסער מען זאל ווייטער נישט וויסן ווער דער שרייבער איז.

ס'איז זייער פארשטענדליך אז אין א קליינע קהילה וואו מען קען זיך מער וויניגער איינער מיט'ן צווייטן, זאל מען גאר שטארק וועלן וויסן ווער עס שרייבט דאס, אבער לאמיר עס לאזן ביזערווייל מיט'ן נאמען "שמאי שטראוז" און ביזערווייל האט הנאה פון יעדע איינציגע ארטיקל, און נעמט עפעס ארויס אויך לעובדא ולמעשה.

## זמנים Liberty

**פרשת בלק י"ז תמוז תשפ"ב**

**הדלקת הנרות**......... 08:13
**מוצאי שבת** ............ 09:43
**מנחה מעריב פנחס**.. 09:25

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 15 | **80°**/55° | | Mostly Sunny |
| Sat 16 | **82°**/61° | | Partly Cloudy |
| Sun 17 | **82°**/61° | | Scattered Thunderstorms |
| Mon 18 | **81°**/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Tue 19 | **82°**/62° | | Isolated Thunderstorms |
| Wed 20 | **83°**/61° | | Isolated Thunderstorms |
| Thu 21 | **84°**/63° | | Partly Cloudy |
| Fri 22 | **84°**/63° | | Scattered Thunderstorms |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אלץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו**
**וזוגתו חיה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו ביילא שיינדל תחי'**
**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

קהל היכל הקודש

קרית ברסלב

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

ברוך השם די זומער האט זיך אנגעהויבן, און מיט דעם קומט מיט מער קארס אויף די ראודס אין שטעטל, אבער אויך איז דא אסאך מער קינדער וואס שפילן זיך אינדרויסן מער ווי א גאנץ יאר.

דערפאר ווילן מיר בעטן בכל לשון של בקשה

## ביטע נישט פארן אויף די ראודס אין שטעטל מער ווי 20 מייל א שעה

עס קען זיך זייער נישט גוט ענדיגן, קיינער וויל נישט קיין בלוט אויף זיין הענט חס ושלום.

**אזוי אויך ווילן מיר בעטן די וואס שפאצירן ביינאכט אויף די ראוד, ביטע טוט אן א רעפלעקטער, מען קען אייך נישט באמערקן אן א רעפלעקטער.**

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# בריוו צו די רעדאקציע

## נישט פארן שנעל אין שטעטל

לכבוד מיין טייערער אברהם הערש וועבערמאן נרו יאיר

די שטעטל בלעטל וואס דו געבסט ארויס ווערט שענער און שענער. דאס איז געווען מיין חלום; עס וועט קומען א צייט וואס אנשי שלומינו וועלן האבן וואס צו ליינען, אן אויסגאבע אנגעפילט מיט אמונה, תפלה, עצות פון הייליגן רבי'ן.

ביטע לייג אריין וואך נאך וואך א בקשה פאר אנשי שלומינו, מען זאל אכטונג געבן צו פארן שטייט, מיט אחריות - אין די גאסן פון שטעטל.

די שטאטישע באאמטע האבן געלייגט סיינס אז מען קען פארן ביז פערציג מייל א שעה; דאס איז לויט זייער קאפ, אז עס וואוינען דא אלטע מענטשן אנע קינדער, למעשה איז נישט אזוי, מען טאר נישט פארן אזוי שנעל, די גאסן זענען פול מיט קינדער, עס איז ממש סכנת נפשות.

איך האב שוין געבעטן און געשריבן, אבער איך רעד צו טויבע אויערן, מען הערט נישט.

בעט איך דיר, לייג א גרויסע מודעה מיט גרויסע אותיות, וואך נאך וואך, ביז עס וועט אריינגיין אין אנשי שלומינו, מען זאל וויסן אז דאס איז זייער מסוכן, מען קען הרג'ענען חס ושלום; עס איז שוין אפאר מאל געווען קליינע קינדער אויפ'ן ראוד השם ישמרינו.

דער ראש ישיבה.

***

## שמעקן הדסים שבת אינדערפרי

איך האב געליינט "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה" וואס איז געווען אינעם בלעטל פון פרשת שלח, ווי עס איז געווען באשריבן די סעודה פון פרשת במדבר, איך האב באמערקט א אינטערעסאנטע זאך, דער אנוועזנדער גאסט באשרייבט די סעודה פון שבת אינדערפרי, און איך ליין ווי ער שרייבט אז דער ראש ישיבה האט געשמעקט די הדסים און געבעטן: "אייבערשטער העלף איך זאל האבן גוטע קינדער".

איך קען מיך נישט אויס מיט קיין מנהגים, אבער עס איז מיר געווען אינטערעסאנט צו זען אז דער ראש ישיבה שמעקט הדסים שבת אינדערפרי, ווייל ווי ווייט איך געדענק וואס איך האב געזען ביי מיין טאטן האט ער געשמעקט הדסים ביינאכט. איך וואלט מיר געפריידט צו וויסן פון וואו עס קומט, אויב איינער ווייסט.

א. ב. ל.



## א טעות ביי די נעמען פון די בילד

איך האב געוואלט אויפמערקזאם מאכן אז עס איז דא א טעות ביי די נעמען פון "וואר זענען זיי" פון פרשת שלח עס איז שמואלי פאאל פון שיכון סקווירא, עס איז נישט שמואלי פאללאק.

## האבן הונט אינדערהיים

איינער האט געשריבן א סעודה מיט'ן ראש ישיבה פון שבת הגדול, און ביים סוף שרייבט ער: "מען האט געשמועסט וועגן מענטשן וואס האבן א הונט אינדערהיים, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז א הונט איז די געטרייעסטע באשעפעניש פאר א מענטש, א הונט וועט זיך לאזן הרג'ענען צו באשיצן זיין בעל הבית. דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה פון די גמרא".

איך האלט אז עפעס פעלט דא ווייל פון די וועג ווי אזוי יענער שרייבט זעט אויס ווי דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די גוטע זאך פון האבן א הונט אינדערהיים, און מיר אלע וויסן ווי שטארק עס טוט וויי פאר דער ראש ישיבה די נייע משוגעת אז מענטשן וואס רופן זיך חסידישע יונגעלייט האבן ליידער די טומאה - וואס הייסט הונט - ביי זיך אינדערהיים.

איך געדענק ווי דער ראש ישיבה האט אריינגעלייגט אין אונז א עקל צו די טמא'נע בעלי חיים אפילו נאר זיי אנצורירן.

מסתמא פעלט א שטיקל, אבער א צווייטע מאל דארף מען זייער אכטונג געבן ווי אזוי מען שרייבט אזא סענסעטיווע ענין, אז מען זאל נישט חס ושלום מיינען אז דער ראש ישיבה האלט פון דעם.

איך באלעק מיר מיט יעדע ארטיקל, בריוו, נייעס, מעשה, וואס איז דא אינעם בלעטל.

תלמיד הישיבה

## מען קען געבן פאר א איד א מתנה פון לעבן

איך האב מיטגעהאלטן א ענליכע מעשה ווי דאס וואס עס איז געשטאנען אין בלעטל ביי די הפצה אפטיילונג, די מעשה פון ר' אהרן וועבערמאן פון קרית ברסלב. אז ער האט באקומען א טעלעפאן קאל פון איינע פון די מענטשן מיט וועמען ער פלעגט ארבעטן אינאיינעם, אז ער איז שוין מעביר סדרה פאר צוואנציג יאר זייט ער האט ער געארבעט מיט ר' אהרן און ער האט אים געזאגט דערוועגן. עס האט מיך זייער איבערגענומען ווי אזוי מען קען מיט א קליינע חיזוק ווארט פאר א איד אים געבן א זאך אין די הענט לעולמי עד.

מיר האבן געשמועסט אין בית המדרש פון די מעשה, רופט זיך אן איינער אז ער איז אריינגעפארן אין שטאט אפאר וואכן צוריק מיט ר' אהרן וועבערמאן, און זיי האבן זיך אפגעשטעלט אין א גראסערי אין בארא פארק, און ר' אהרן איז צוגעגאנגען צו איינע פון די ארבעטער א מיטעליעריגער תמימות'דיגער איד פון איראנער אפשטאם, און יענער האט געקרעכצט, ר' אהרן האט אים געפרעגט פארוואס ער קרעכצט האט ער געזאגט אז ער פילט זיך ליידיג, ר' אהרן האט אים געזאגט אז ער זאל זאגן א פרק משניות יעדן טאג, אזוי ארום וועט ער ענדיגן ששה סדרי משנה אין א יאר און א האלב.

דער איד וואס האט צוגעזען די מראה, דערציילט אז ער האט געזען טרערן אין די אויגן פון דעם תמימות'דיגן איד, ער האט זיך באדאנקט, און ר' אהרן האט ארויסגענומען א משניות פון זיין קאר און אים געוויזן וואס דאס איז א משניות, ער האט אבער צוגעלייגט אז ער דארף זייער אכטונג געבן אז קיינער זאל נישט וויסן דערפון ווייל מען וועט אים נאך פארדרייען א קאפ אז דאס הייסט נישט געלערנט.

## אכטונג געבן אויף אידיש געלט

שכח פאר מערכת "קרית ברסלב בלעטל" פאר די הערליכע אויסגאבע וואס ערשיינט וואך נאך וואך מיט אירע פילע אינהאלטסרייכע ארטיקלען, וואס ברענגט דעם ליינער אומוועלנדיג צו אלע גוטע זאכן וואס היכל הקודש פארמאגט; לימוד התורה, רעדן צום אייבערשטן, אמונה, שכל אין לעבן, און אזוי ווייטער, די ענדלאזע ליסטע מיט די פילע מתנות וואס מען באקומט דא.

איך פיל אז דא איז די ריכטיגע פלאטפארמע צו שרייבן די קומענדיגע שורות צוליב די פילע ליינער פון אנשי שלומינו וואס "די בלעטל" פארמאגט, איך וועל גיין גלייך צום פינטל.

איך ארבעט אין א ביזנעס, א חלק פון מיין ארבעט איז צו זיכער מאכן אז די קאסטומערס באצאלן זייערע בילס אין צייט און זיכער מאכן אז אלעס פארט א מחי'. א שטיק צייט צוריק האט א פארברעכער זיך אריינגעזעצט אין מיין אימעיל אקאונט און אנגעהויבן נאכקוקן די מהלך וויאזוי די געלטער פון די קאמפאני קומען אריין, ווי זיי גייען, און וויאזוי איך מאך זיכער אז אלעס שטומט. איך האב פארשטייט זיך נישט געוויסט דערפון.

איין טאג, ווען איך האב ערווארטעט א גרויסע פעימענט פון א קאסטומער, האט דער אומזעבארער גנב געשיקט פון מיין אימעיל א מעסעדש פאר דעם קאסטומער אז פון היינט אָן דארף מען שיקן די געלט צו א צווייטע אקאונט! דער קאסטומער האט גארנישט פארדעכטיגט און ער האט ליידער געשיקט דאס געלט אהין.

נאך א טאג צוויי ווען איךווארט אז יענער זאל מיר באצאלן און איך זע נישט קיין זכר פון קיין געלט, רוף איך אן דעם קאסטומער און איך פרעג אים וואו די געלט איז, זאגט ער מיר אז ער האט שוין לאנג געשיקט די געלט.

לאמיר מאכן די מעשה בקיצור, איך האב מיר דערזעהן אז איך בין בא'גנב'עט געווארן מיט א שיינעם סכום געלט אויף קיין שום איד געוואונטשן.

מיר האלטן נאך אינמיטן זיך אויסקומען ווער עס וואלט געדארפט באמערקן אז עפעס שטומט נישט, און פארשטייט זיך איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל צוריקזען די גאנצע געלט.

וואס איך וויל זאגן איז אז מ'דארף כסדר בעטן דעם אייבערשטן מ'זאל זיין אפגעהיטן פון גנבים און חס ושלום אויב עס פאסירט זאל מען עס כאפן באצייטנ'ס.

אויך וויל איך מעורר זיין אז אין די אמעיל אקאונט איז דא א זאך וואס הייסט "צוויי סטעפ וועריפיקעיש"ן" דאס הייסט אז אויב פאר סיי וועלכע סיבה וויל איינער אריינסיינען אין דיין אמעיל, ווערסטו באקומען א טעקסט מעסעדש מיט א קאוד וואס מען דארף ארייגלייגן, און אן דעם קען מען נישט אריינגיין, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען גלייך באמערקן ווען איינער וויל אריינגיין און דיין אימעיל.

אויך איז שטענדיג גוט צו רופן דעם מענטש פאר מען שיקט געלט, איבערפרעגן אויב מען האט די ריכטיגע אקאונט צו שיקן דאס געלט. איך האף אז ס'וועט זיין א זיכוי הרבים און דער אייבערשטער זאל אפהיטן אלע אידן פון אלע שלעכטע גנבים.

דער ראש ישיבה דערמאנט שטענדיג די מעשה וואס איז געווען ביים הייליגן רבי'ן ווען א איד איז געקומען זיך באקלאגן אז ער האט פארלוירן זיין אפגעשפארטע געלט פון די ארבעט, אנשטאט דער רבי זאל אים מחזק זיין, האט אים דער רבי גאר אנגעשריגן און געגעבן מוסר, היתכן ער געבט נישט אכטונג אויף זיין געלט.

י. א.

**שמאי שטראוס**

# צום פינטל

## קען מאטי זיין ר' פייטל?

"גיוועזין א אידן מיטן נאמען פייטיל זלאטע'ס, פייטיל איז גאר א פיינער עמך איד, אלע קאנען איהם אין די שטעיטאלע קריקוטישוק ישוב'ניקעס ווי דארפסלייט צוגלייך, אלע האבן פייטלען זייער גיגעליכען..."

איך האב אייך אנגעהויבן פארליינען א מעשה פון א אלטע אידישע בוך, אבער איך זע אז אויב איך ליין נאך א צוויי שורות בלייב איך אנע ציינער... איך גיי נישט נעמען קיין שאנס צו ליינען פאר אייך ווייטער די בוך, ווארום... די בלעטער פונעם בוך זענען אזוי צוברעקלט אז באלד דערזע איך זיך מיט א הויפן ברעקלעך אין האנט, איך וועל האבן אן אנדערע מעשה צ ו פארציילן: "איינמאל איז געווען א ביכל, און פלוצלינג איז דאס ביכל פארוואנדלט געווארן צו א הויפן ברעקלעך..." איר ווילט דאך אבער וויסן וואס אזוינס עס שטייט אינעם בוך וועל איך עס אייך דערציילן.

איך האב טאקע נישט יעצט איבערגעקוקט די מעשה, אבער עס ליגט מיר טיף אייגעקריצט אין זכרון פון מיין יוגנט ווען מיין באבע פלעגט מיר דערציילן די מעשה פון דעם בוך. איך קען נישט זאגן אז איך האב אלעס פארשטאנען, אבער איך האב געפילט איר הארץ, די אמונה, תמימות און יראת שמים וואס זי האט אריינגעלייגט, זי האט געוואלט אין מיין קליין הערצעלע אריינפלאנצן די יראת שמים וואס זי האט צוגעזען אין דער אלטער היים.

***

פייטל זלאטע'ס האט געוואוינט אין א קליין דערפל קריקוטישוק אין ווייס רוסלאנד (א שאד צו זוכן אויף די מאפע... היינט עקזיסטירט שוין נישט אזא פלאץ ווי 'ווייס רולסאנד' אויף די מאפע, רוסלאנד האט שוין במשך פון אירע יארן רויט געמאכט אלע אירע טערעטאריעס) דער פייטל איז געווען א פריילך בא'טעמ'טער איד'ל, ער איז געווען באליבט ביי די אידישע איינוואוינער, און להבדיל די נישט אידישע איינוואוינער פונעם דערפל צוגלייך.

גערופן האט מען אים פייטל זלאטע'ס, נאך זיין מאמע זלאטע די צדיקות, יענע צייטן האט מען נאכנישט גערופן מענטשן מיט לעצטע נעמען, פלעגט מען צומאל רופן אויף די מאמעס נאמען.

פייטל איז געבוירן אויף



דער עלטער צו ר' ארון לייב און די שטאט זלאטע אין טשעכנאוויץ, א קליין שטעטעלע אין פוילן, דארט איז ר' ארון לייב שטארק טעטיג געווען מיט דעם חסידיש'ן קלויז. ווען זייער פייטל איז געבוירן געווארן האבן זיי אים אויפגעצויגן מיט א זעלטענעם ווארימקייט, וואס נאר עלטערן צו אן איינציג קינד האבן געקענט. דארט האט ער געוואוינט, ביז צו זיין חתונה מיט זיין אשת חיל דוואשע פון קריקוטישוק.

פייטל האט געהאנדלט מיט גרינצייג וואס ער האט אליין געפלאנצט אין זיין פעלד אינדרויסן פון שטאט, אזוי איז ער געווען פארפלאגט מיט די ארבעט אין פעלד, דערנאך ווען עס איז געווען די סעזאן איז ער געווען פארנומען אין מארק מיט'ן פארקויפן זיינע פראדוקטן.

קיין גרויס עשירות האט אים דאס נישט געברענגט, עס האט אים קוים געקלעקט אויף צו דעקן זיינע חודש'ליכע אויסגאבן, פון אינדערפרי ביז אויף דער נאכט האט ער געארבעט שווער, זיך שלעפענדיג מיט זיין פויערישע טראגע אין די שווערע היצן, צו באארבעטן זיין פעלד כדי ער זאל קענען אהיימברענגען אביסל ברויט פאר זיין געזונדל.

א גוט פערדל האט ער יא פארמאגט, דאס האט אים געהאלפן פירן זיינע פרוכט און גרינצייגן אין שטאט אריין, און מיט איר איז ער געגאנגען אויסער'ן שטאט צו דער ארבעט.

די אויסערליכע אויסקוק פון פייטל זלאטעס איז גארנישט געווען עפעס ספעציעל, גארנישט מער ווי נאך עפעס א דארפס איד, אבער גאר ווייניג האבן געוויסט אז אונטער דעם פשוט'ן דארף'ישן פייטל ליגט באהאלטן א סוד, אונטער דעם פראסטן פויערישן פעלץ איז באהאלטן א העכערער סארט איד, טייל די וואס האבן יא אביסל געוויסט האבן גאר געהאלטן אז ער איז פון די גאר געהויבענע למ"ד ווא"ו צדיקים.

שטילערהייט האט ער געדינט דעם אייבערשטן אן דעם וואס ער זאל ציען א פרעמדע אויג, עטליכע שעה איידער'ן עלות, דאס גאנצע שטעטל איז נאך פארזינקען אין א טיפן שלאף, אבער פייטל זיצט שוין מיט זיין תהילימ'ל, ער גיסט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן "גאטעניו! עד מתי! ווילאנג נאך וועלן מיר זיך מוטשענען אין דעם ביטערן גלות" אזוי האט זיך פייטל צוקרעכצט צווישן די קאפיטלך תהילים.

ליידער האט פייטל - ווי פיל ארימע דארפס קינדער - נישט זוכה געווען צו לערנען ביי א מלמד, דאס האט אים פארשווערט זיין עברי, אבער האט נישט אוועקגענומען די געוואלדיגע געשמאק ווי ער האט געשלינגען מיט דארשט יעדעס קאפיטל, זיין תהילים מיט זיין געבראכענע עברי א ווארט נאך א ווארט, ניטאמאל פארשטאנען וואס אזוינס ער זאגט, אבער פייטלס תמימות'דיגע תהילים האט גע'רעש'ט אין אלע וועלטן, ערליכע אידן האבן מעיד געווען אז די פשוט'ע קאפיטלעך תהילים פון פייטל זלאטע'ס האט אריינגעברענגט א ברכה אין אלע אידישע געשעפטן אינעם גאנצן געגנט ארום.

זיין דאווענען האט אויסגעזען פשוט, צופיל לערנען האט מען אים אויך נישט געזען, פארנאכטס צווישן מנחה אין מעריב איז ער געזעצן צווישן אלע דארפסלייט, אויסגעהערט די שיעור משניות וואס דער רב האט פארגעלערנט.

אין א געווענטליכע טאג נאך דער ארבעט איז פייטל אהיימגעקומען, אויסגעמאטערט פון די גאנצע טאג ארבעט,

פארדינענדיג קוים אפאר גראשן. זיינע מידע ביינער האבן זיך געבעטן פאר אביסל שלאף, אבער פייטל גייט נישט שלאפן איידער ער מאכט זיכער אז זיינע קליינע קינדער גרייטן נעגל וואסער ביים בעט, ער לאזט זיך אראפ צו זיי, אויף זייער שטייגער זיצט ער און זינגט מיט זיי אינאיינעם קריאת שמע שעל המיטה, וואס ווערט באגלייט מיט א מעשה פון א צדיק, דערנאך לייגן זיך די קינדערלעך אין דעם איינציגן שטוב פון דאס ארימע הייזקע, אויף די פעקלעך שטרוי וואס דינט זיי אלס מאטראצן צו שלאפן.

הערשט דערנאך האט ער זיך געזעצט מיט זיין אשת חיל צו דאס ארימע סעודה'לע, אביסל הארטע ברויט מיט ציבאלע, אין א גוטן טאג האט ער זיך נאך געקענט ערלויבן אביסל פוטער מיט גרינצייג, דאס איז שוין געווען א רייכע מאלצייט... דאס ארימקייט האט ארויסגעשריגן פון יעדעס ווינקל, אבער אלעמאל זענען זיי געווען צופרידן מיט וואס דער אייבערשטער האט זיי געשאנקען.

די גאר געהויבענע עבודה האט זיך אנגעהויבן ערשט אין די שפעטע נאכט שעה'ן, אלעס איז איינגעהילט אין א טויט שטילקייט, **פייטל זעצט זיך אויף דער ערד, צינדט אן א קליין לעכטל, ער נעמט ארויס זיין קליין ביכעלע פון טאש, א שטראם פון טרערן הייבן אן גיסן פון זיינע אויגן: "אוי טאטע זיי מיר מוחל"** זיצט ער מיט'ן קליין ביכעלע, דארט האט ער אפגעשריבן אלעס וואס עס אויף אים אריבער דעם טאג, **"אוי געטעניו!" בעט זיך פייטל ווי א קינד, "זיי מיר מוחל, אפשר האב איך גערעדט א שטעכעדיג ווארט צו א צווייטן איד" ער דערמאנט זיך "אוי טאטע וואס וועט זיין מיט מיר, ווער ווייסט צו איך האב געגעבן א איבעריגע קוק, פארגעב מיט גאט,** עס קומט דאך אויס צו ארבעטן אין מארק מיט קונדן אמאל א איבריג ווארט צו א פרעמדע פרוי, אפשר א איבריג שלעכטע קוק אויף א דינסט, אוי טאטע זיסער זיי מיר מוחל, איך בין ארויסגעלאפן פון שול וועלנדיג כאפן נאך קונדן, רבונו של עולם ווי האב איך פארגעסן אז דו ביסט א זן ומפרנס, איך האב טאקע דערלייגט יענעם טאג מער ווי איך האב פארדינט". א שטיין קען צוגיין פון פייטל'ס קרעכצן ביי זיין חשבון הנפש, דאס לעכטל צאנקעט, עס קען זיך דאכטן ווי ער ווארפט זיך אינאיינעם מיט די ווידוי פון פייטל'ן... אינאיינעם מיט זיין חשבון הנפש טוט ארויפגיין די רויעך פונעם אויסגעלאשענעם ליכטל, פייטל ליינט קריאת שמע און שפארט זיך צו פאר די איבערגעבליבענע פאר שעה ביז עס טאג'ט, צו שעפן פרישע כוחות פאר נאך א טאג פון דינען דעם אייבערשטן.

***

ביי די צייט וואס מיין באבע האט געהאלטן ביי די חלק פון די מעשה בין איך שוין געווען טיף פארזינקען אינעם עולם החלומות, אבער איר מעגט זיכער זיין אז איך האב גע'חלום'ט פון פייטל...

עס ליגט מיר איינגעבאקן דאס בא'חנ'ט בילד אין יענעם אלטן ביכל, ער מאלט אזוי שיין אפ דעם פייטל, שטריכן פון תמימות איז אויסגעגאסן אויף זיין פנים, מיט'ן דאשיק, איינגעהילט אין זיין פויערישן פעלצל, וועון מיט די גרויסע טיפע שטיוול שלעפט זיך אין די גרויסע שנייען מיט א זאק קארטאפל אויף די פלייצע.

אויף היינט חלום איך פון צייט צו צייט פון פייטל, גירסא דינקותא איז גאר א שטארקע זאך, עס

קומט מיר אלעמאל אין געדאנקט: "אוי ווי נעמט מען דעם אמאל? אוי דער גליקליכער אמאל! אמאל זענען געווען ערליכע אידן! אמאל די פשוטע עמי הערצים זענען געווען צדיקים נסתרים, אוי די טריפה'נע אמעריקע! ווי נעמט מען די תמימות פון די אמאליגע אידן? די פארצייטישע חן, די פשוטע אידן פון אמאל וואס האבן שווער געארבעט צו שפייזן זייער געזונדל אבער זייער הארץ האט געבענקט צום אייבערשטן, אוי דער גליקליכער אמאל... א צייט וואס וועט שוין מער קיינמאל צוריקומען, דאס איז געבליבן אינדערהיים, עס איז געבליבן אין אונגארן, פוילן, און גאליצע, די איינציגע אנדענק פון יענע גאלדענע צייטן זענען די אלטע פארגעלטע בלעטער פון די ביכער וואס טוען באשרייבן דאס אמאליגע שטעטל'ישע לעבן מיט אזא פארצייטישע חן, אוי ווי ברענגט מען צוריק דעם אמאל..."

***

מ'האט דאך געשמועסט אז עס קומט שוין נארמאלע א ר ט י ק ל ע ן!

עפעס אויף די פרשה! שוין ווייטער א מעשה מיט א באבע, א באבע מיט א מעשה, וואס גייט שוין ווייטער פאר, שוין ווייטער נישט 'צום פינטל'...

***

עס איז נישט אויף די פרשה?? פיין איז עס אויף די פרשה! זאג נאר וועלכע פרשה גייט די וואך... איך האב דאך מיט דיר יעדע וואך אן אנדערע פרשה...

נו נו! איך הער וואס דו זאגסט, יעצט הער דו מיין ווייטאג, איך האלט אז עס בכלל נישט גערעכט די וועג ווי אזוי ער לייגט אראפ א מעשה, איך וועל דיר צעלייגן די גאנצע מעשה אויף קליין געלט! פיין... איז הארך אויס.

עס איז אראפגעקומען די ניצוץ פון די נשמה פון פייטל אין יארע צוויי טויזנט מיט איינס (2001) למספרם, ביי די ברית האט מען אים א נאמען געגעבן 'מרדכי דוב בער', ער מוז שוין היינט תשפ"ב זיין א אינגערמאנטשיק פון איין און צוואנציג יאר, די חברים רופן אים רופט אים 'מאטי', און... מיר גייען גלייך צו צו די מעשה...

מאטי וואוינט אין א שטאט וואס הייסט בארא פארק, ער איז באליבט ביי אלע, ער האט אלעמאל א גוט ווארט צו זאגן פאר יעדעם איינעם.

מאטי ארבעט שווער א גאנצן טאג, ער פארקויפט פיצא, קיין גרויס עשירות טוט אים די פיצא געשעפט נישט ברענגען, עס קלעקט אים קוים צו קענען דעקן די חודש'ליכע הוצאות, פון אינדערפרי ביז אויף דער נאכט ארבעט ער ביטער שווער, מיט זיינע גרויסע פויערישע שטיוול שלעפט ער זיך פונעם אויוון, צו די קאסטומערס, זייענדיג אנגעטון מיט די פארשמירטע שירצל, ווען אונטער דעם איז ער געקליידעט מיט א פויערישע פארגרעבטע קאלירטע פאולע"ר שור"ט.

א פיינעם קאר האט מאטי יא פארמאגט, דאס האט אים פארגרינגערט דאס קומען און גיין צו דער ארבעט, ווי אויף פלעגט ער דעליווערן דערמיט זיינע סחורות.

די אויסערליכע אויסקוק פון מאטי איז גארנישט געווען עפעס ספעציעל, נישט מער ווי נאך א פשוט'ער איד, אבער גאר ווייניג האבן געוויסט אז אונטער דעם פשוט'ן פארגרעבטן מאטי ליגט באהאלטן א סוד, אונטער דעם פראסטן קאלירטע פאולע"ר שור"ט טוט



זיך באהאלטן א העכערער סארט איד, טייל האבן אים גאר געהאלטן אז ער איז פון די געהויבענע למ"ד ווא"ו צדיקים.

שטילערהייט האט ער געדינט דעם אייבערשטן אן דעם וואס עס זאל ציען א פרעמדע אויג, עטליכע שעה אין טאג אריין, דאס גאנצע שטאט ווירבלט מיט געשעפטן, אבער **מאטי זיצט אין פיצא געשעפט מיט זיין תהילים'ל מיט זיין משניות, שטילערהייט גיסט זיך מאטי אויס דאס הארץ צום אייבערשטן אויף זיין שפראך ער דערציילט אים אויס אלעס וואס עס גייט אויף אים אריבער.**

ליידער האט מאטי - אזוי ווי פולע אנדערע קינדער - נישט זוכה געווען צו לערנען, ער איז טאקע געזיצן אין חדר, אבער ער איז געווען פון די 'שוואכע', מאטי איז געזיצן שטיל אין כיתה, ער איז אלעמאל געווען אין די אונטערשטע רייע, דאס האט אים פארשווערט דאס עברי, און זיין פארשטאנד אין לערנען, דאס האט אבער נישט אוועקגענומען די געוואלדיגע געשמאק פון זיין תהילים און משניות וואס ער האט געזאגט צווישן איין קליענט און צווייטן, זיין געשמאק מיט וואס ער האט כסדר ארויסגעכאפט אפאר ווערטער צום אייבערשטן, דאס האט גע'רעש'ט אין אלע וועלטן, ערליכע אידן האבן מעיד געווען אז די פשוטע קאפיטלעך תהילים, די משניות, די דיבורים צום אייבערשטן פון מאטי'ן טוט אריינברענגען א ברכה אין אלע אידישע געשעפטן אינעם גאנצן געגנט ארום.



זיין דאווענען האט אויסגעזען פשוט, צופיל לערנען האט ער מען אים אויך נישט געזען, פארנאכט'ס צווישן מנחה אין מעריב איז ער געזעצן און אויסגעהערט די שיעור וואס דער רב האט פארגעלערנט.

אין א געוועונטליכע טאג נאך דער ארבעט איז מאטי אהיימגעקומען, אויסגעמאטערט פון די גאנצע טאג ארבעט, פארדינענדיג קוים אפאר דאלער. זיינע מידע ביינער האבן זיך געבעטן פאר אביסל שלאף, אבער מאטי גייט נישט שלאפן איידער ער מאכט זיכער אז זיינע קליינע קינדער גרייטן נעגל וואסער ביים בעט, ער לאזט זיך אראפ צו זיי, אויף זייער שטייגער זיצט ער און זינגט מיט זיי אינאיינעם קריאת שמע שעל המיטה, וואס ווערט באגלייט מיט א מעשה פון א צדיק, ער העלפט זיין ווייב לייגן שלאפן די קינדער.

הערשט דערנאך זעצט ער זיך צו א פיינעם געשמאקן סאפער מיט זיין ווייב, יעדן טאג עסט ער מיט געשמאק א רייכע נאכטמאל וואס זיין ווייב שטעלט אין צו, דאס ארימקייט האט ברוך השם נישט ארויסגעשריגן פון יעדע ווינקל, זיי האבן פארמאגט א שיין הייזקע און אלעמאל זענען זיי געווען צופרידן מיט וואס דער אייבערשטער האט זיי געשאנקען.

די גאר געהויבענע עבודה הייבט זיך אן יעדע נאכט נאכ'ן ענדיגן דעם פיינעם סאפער, ווען מאטי זעצט זיך אין דיינינג רום אויף די קויטש צומאל מיט א משניות, צומאל מיט א גמרא, ער ענדיגט זיינע שיעורים וואס ער האט נאכנישט עספיעט צו ענדיגן דארכאויס דעם טאג, ביי די זייט זיצט זיין ווייב מיט די טעלעפאן אויף די אויער, ווען זי לייגט צאם די וועש, און קוועלט נחת פון איר מאן, אלעס איז איינגעהילט אין א שטילקייט, מאטי זיצט איינגעזינקען אין זיין באקוועמען פאטעל ער צינדט אן די לעקטער... (אמאליגע לעכט איז היינט לעקטער...) ער נעמט ארויס זיין קליין ביכעלע פון טאש? נישט זיכער איך מיין אז ער האט נישט קיין ביכל, ער פראבירט צו געדענקען אלעס וואס עס איז געווען היינט, ער זאגט פאר'ן אייבערשטן

אלעס וואס עס איז אריבער אויף אים במשך פונעם טאג: **"אייבערשטער זיי מיר מוחל אפשר האב איך גערעדט שטעכעדיג צו אן ארבעטער, אייבערשטער וואס וועט זיין מיט מיינע אויגן?** איך בין דאך מיט קאסטומער"ס פרויען, פיל מאל אויסגעלאסענע גויטע'ס א גאנצן טאג, דער יצר הרע שלעפט גיב נאר איין קוק, אייבערשטער איך וויל זיין גוט, העלף מיר, אייבערשטער איך בין ארויסגעלאפן פון שול וועלנדיג כאפן נאך קאסטומערס איך האב פארגעסן אז דו געבסט פרנסה, איך האב טאקע דערלייגט יענעם טאג מער ווי איך האב פארדינט".

מאטי ענדיגט זיין הייליגע עבודה, ער ליינט קריאת שמע און טוט אן נאכט קליידער, ער לייגט זיך אריין אין זיין באקוועמען בעט ער גייט שלאפן א הייליגע שלאף, ווען זיין מויל שאקלט זיך זאגנדיג "שכוח אייבערשטער, איך בעט דיך אייבערשטער", אזוי שלאפט ער איין, זיין נשמה גייט ארויף, און זיין גוף רוהט זיך אויס פאר נאך א טאג צו דינען דעם אייבערשטן.

***

פארשטייסט מיין ווייטאג?

וואס איז?

נאר פייטל זלאטע'ס און זיינע פשוט'ע חברים קענען זיין ל"ו צדיקים?

נאר אז מען האט א 'פערדל' מיט א ארימע 'הייזקע' קען מען זיין א צדיק נסתר?

פייטל מיט די אמאליגע פויערישע קליידער איז א באהאלטענער צדיק, וויל ער איז פון די מרא דחושבנא, איז פארוואס הייגט אז א יונגערמאן גייט מיט פויערישע קליידער (קרי) - פאולע"ר שור"ט (כתיב) איז ער פון די שוואכע?

וואס איז? ווייסע סניקערס איז נישט אזוי ספוק"י ווי גראבע פויערישע שיך?

און אז ער איז געבוירן אין יארע צוויי טויזנט און עס איז דא לעקטער, איז עס שוין נישט קיין חשבון הנפש, **עס מוז זיך צאנקענען דאס ליכטל מיט א דערהויבענע העכערקייט?**

אוי! אוי ווי פאלטש! אוי ווי מען לייגט אראפ מעשיות, אלעס כדי מיר זאלן זען "דאס איז נישט פאר מיר" עס איז געווען אמאל א קרעטשמע, מיט א פריץ און א מאשקע, מיט א דארף, מיט א אמאל, אוי פארדרייט מען מעשיות.

איר ווייסט ווער די ל"ו צדיקים פון די מעשה ביכלעך זענען געווען? דאס זענען געווען די אמאליגע טשילער'ס, דאס זענען געווען די אמאליגע באמע'ס, די זענען געווען בקצה המחנה, זיי האט מען אויסגעשלאסן פון כלל ישראל, אזוי ווי מען שליסט אויס היינט די שוואכע עלעמענטן די פארגרעבטע די מגושם'דיגע.

די אמאליגע צדיקים נסתרים איבער וואס איר ליינט די שפאנענדע אטעם פארכאפענדע געשיכטעס, זיי זענען געווען פראסטאקעס, זיי האבן געארבעט א גאנצן טאג אין פעלד, מיט גוי'אישע קנעכט אין דינסטן וואס האבן גערעדט ניבול פה, דאס איז געווען די אלטע ווערסיע פונעם היינטיגן 'סמארט פאון', נאר די למ"ד וואו"ו צדיקים האבן געהאט א פילטער... אויף די אויגן... אכטונג געגעבן נישט צו קוקן אויף זייערע דינסטן (די אלטע ווערסיע פון סעקרעטערי'ס, אויב נישט ערגער) קיינער האט נישט געוויסט צו ער טראכט נישט און טוט נישט קיין עבירות...

***

סדנא דארעא חד הוא, מה שהיה הוא שיהיה, אין דער אלטער היים איז געווען דער פרומער לומדי'ישע ... קלויז, די וואס מיר רופן היינט 'באהאלטענע צדיקים', זענען געווען דארט באטיטלט 'אפענע רשעים', זיי זענען געווען די שוואכע, זיי זענען געווען בקצה המחנה, זיי זענען געווען די נידריגע עלעמענטן.

יא! איר זענט גערעכט, אמת! דאס האט געהאט א שווערע אפעקט אויף זיי, דאס אז מען האט זיי אפגעסטעמפלט

אלס באמע'ס, דאס האט פאראורזאכט אז זיי זאלן זיך טאקע דרייען מיט אמת'ע נידריגע עלעמענטן, ווען נישט דער בעל שם טוב ותלמידיו וואס האבן זיי געזאגט ווי חשוב זיי זענען אפילו זיי פאסן נישט אריין אין די סיסטעם.

ווען די מקורבים צום בעל שם טוב זי"ע זענען געשטאנען אינדרויסן פונעם בעש"ט'ס בית המדרש, און די לומדים, די העכערע פון כלל ישראל זענען דארט פאריבער פארפירענדיג אין א תורה'דיגע שמועס, האבן זיי פארקרימט מיט די נאז... און מיט א עובד'ייש שמייכל, זיך אנטערגעלאכט, "הע, דאס זענען דאך פון שרוליק'ס חברה". לעומת זה האבן די צדיקים אריינגעלייגט א עזות דקדושה אין זייערע הייליגע תלמידים וואס לויט די מענטשליך אויג האבן זיי אויסגעקוקט פראסט, און זיי האבן זיך נישט דערשראקן פון די 'העכערע סארט', זיי האבן געטון זייערע עבודות וואס זייערע רבי'ס האבן מיט זיי געלערנט, **געזאגט תהילים, משניות, עין יעקב, זיי האבן אויסגעשמועסט צום אייבערשטן יעדן טאג יעדע נאכט אלעס וואס זיי האבן געטון**, און אין די זעלבע צייט זענען געוועזן טייל וואס האבן אויסערליך אויסגעקוקט ווי שיינע אידן זענען נעבעך געזינקען אין עבירות, זענען פשוט'ע פראסטע אידן געוואקסן מיט גרויסע מדריגות.

מיר ליינען היינט ל"ו צדיקים, מיר כאפן נישט אז **מיר קענען זיין די זעלבע ל"ו צדיקים**, מיר קענען זיין די צדיקים נסתרים, וואס א חילוק צו די האסט א איינגעדארט פערדל אדער א פול"י לאודע"ד קאר. א פויערישע דארפישע תמימות'דיגע דאשיק און אויבערראק אדער א קילע קאלירטע פאולער שורט. א ארומע הייזקע מיט צובראכענע שויבן ביים עק שטאט, צו א פאלאץ אינמיטן שטאט. אויסגעדארטע שפיצן אין שטריימל אדער א גוט אויסזענדע פרעכטיגע שטריימל, די נפקא מינא איז **ווער עס געבט איבער זיין טאג צום אייבערשטן, דער איז דער צדיק.**

***

די גאנצע זאך וואס איך זאג דיר דא שטייט די וואך אין מדרש; דער הייליגער מדרש אויפן פסוק '**ויאמר בלעם אל מלאך השם חטאתי**', ווען דער רשע בלעם האט געזען עס איז עק וועלט, דער מלאך גייט אים שטעכן מיט זיין שווערד, זאגט דער מדרש, 'בלעם איז געווען א קלוגער רשע', ער האט געוויסט דע מעדזשי"ק ווארט, 'חטאתי' 'איך האב געזינדיגט' וואס אויב זאגט מען די ווארט 'חטאתי' קען דיר קיין שום שלעכטס פאסירן, קיין שום מלאך קען אים נישט שלעכטס טון.

די ווערטער פונעם הייליגן מדרש צוברעכט אלע אונזערע נער'ישע געדאנקען, קען איך זיך מתוודה זיין פארן גיין שלאפן? קען איך דען שוין זייענדיג אין מיין בעט נאך א אפגע'שחט'ענעם טאג זיך מורמלען 'אייבערשטער חטאתי איך האב געזינדיגט'? איז דען עפעס ווערט אזא תשובה? איז דען עפעס ווערט אזא חשבון הנפש?

יא! אין מדרש שטייט נישט קיין איין ווארט וועגן א לעכטל, א ביכל, וועגן א קוואל פון טרערן, וועגן זיצן אויף דער ערד, אין די פינסטערניש פונעם נאכט, ניין, די אלע זאכן זענען גוט פאר דראמא, מאכן די געשיכטע ציענד... שפאנענד... באלערנד... אבער אין ווירקליכקייט גייען מיר אלע מאכן פון היינט אן א חשבון הנפש וואס וועט שפאלטן הימלען מיר גייען זאגן: 'אייבערשטער חטאתי' אייבערשטער איך האב געזינדיגט', אונזער 'חטאתי' ווי נישט ערנסט מיר מיינען עס יא/נישט איז זיכער נישט שוואכער פון דאס וואס בלעם האט געזאגט.

איר האט געוואלט עפעס אן ארטיקל אויף למעשה, איז זאגט שוין יעצט '**אייבערשטער איך וויל זיין וואויל' איך גיי זיין וואויל איך האב א יצר הרע וואס לאזט מיך נישט מנוחה.**

**דאס איז שוין עפעס למעשה!**

# שטעטל נייעס

## סיום מסכת יבמות געפראוועט אין שטעטל



נאך גאנצע פיר חדשים וואס די גאנצע קהלה זקנים עם נערים האבן אלע מיטגעהאלטן דעם שיעור און געלערנט דעם דף גמרא מסכת יבמות יעדן איינציגן טאג, קומט מען אין די טעג אן ברוך השם צו פייערן דעם סיום אויף דעם שיינעם לאנגן מסכת יבמות.

דער סיום איז געפראוועט ווערן ברוב עם פאראנגעגנעם ליל שישי, אינאיינעם מיטן וועכנטליכן שיעור אין בית המדרש היכל הקודש, אויף 181 האשקי רד. אין שטעטל קרית ברסלב ליבערטי.

דער ראש ישיבה שליט״א האט מכבד געווען דעם דיין שליט״א צו מאכן דעם סיום, ווי באקאנט לערנט דער דיין שליט״א פָאר דעם דף גמרא בטוב טעם ודעת יעדע נאכט אין שטעטל, דאס איז חוץ וואס דער דיין שליט״א לערנט עס אין כולל, פון וואס די אינגעלייט האבן זייער הנאה.

נאכן סיום האט מען צוזאמען געזינגען דעם פרייליכן ניגון "א דף גמרא דאס איז מיין לעבן".

דערנאך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון די חשיבות פון לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא חוק ולא יעבור.

ברוך השם אז אלע האבן מיטגעלערנט מסכת יבמות, מען האט זיך אנגעשטרענגט אפילו אין די יעצטיגע טעג ווען א גרויסער עולם פון שטאט אחז געווען פארנו ען מיט'ן ארויסקומען אין קאנטרי האט מען זיכער געמאכט נישט צו פארפאסן דעם בלאט. עס איז אדורך פיר חדשים פון ווען מען האט אנגעהויבן דעם מסכת ביז יעצט ווען דער שיינער מסכת יבמות האט אונז באגלייט יעדן איינציגן טאג.

אין א בריוו שרייבט דער ראש ישיבה:

***יעצט הויבן מיר אן א נייעם קאמפיין. קומענדיגע וואך גייען מיר קויפן נייע שטחים, מיר גייען אריין אין א נייע מסכתא, מסכת כתובות; וויל איך דו זאלסט זיך אנשליסן, דו זאלסט אויך האבן א חלק אין די מקח, דאס איז א גוטע מקח. דער אייבערשטער זאגט (משלי ד, ב): "כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם", איך האב א גוטע דיעל, "תּוֹרָתִי", מיין תורה, "אַל תַּעֲזֹבוּ", לאזט דאס נישט אפ, "עֵץ חַיִּים הִיא" (שם ג, יח), דאס איז א בוים פון לעבן; ווער עס לערנט תורה האט לעבן, עס פעלט אים נישט בכה ובבא.***

***איך וויל זייער שטארק זאלסט מאכן א גאול פון לערנען לכל הפחות איין בלאט גמרא יעדן טאג; און קיין מעשיות, און קיין תירוצים.***

אויך אין בית המדרש "עצתו אמונה" איז פארגעקומען דעם פאראנגעגנעם שבת ביי שלש סעודות א סיום מסכת יבמות, צוגעשטעלט דורך האברך ר' יצחק אהרן וויינבערג הי"ו, מען האט זיך צוזאמען געפריידט פאר די זכי' וואס מען האט צו זיין ביי אזא הייליגע פלאץ, ביי אזא רבי וואס איז אונז מחזק צו לערנען יעדן טאג, נישט קיין חילוק וויאזוי די טאג זעט אויס.

אויך איז אינטערסאנט אנצומערקן אז אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים האט מען אנגעהויבן פארלערנען דעם דף גמרא יעדע נאכט, עס ווערט פארגעלערנט דורך האברך ר' משה יחיאל שטעסל הי"ו תלמיד הישיבה, די אינגעלייט געבן איבער אז ער לערנט דאס פאר גאר געשמאק.

עקסטער איז געווען א סיום פאר די קינדער וואס לערנען דעם דף גמרא מיטן מגיד שיעור ר' יעקב לעסער הי"ו, דער ראש ישיבה האט זיך פערזענליך באטייליגט און געוואלדיג הנאה געהאט אז קינדער האבן דעם שכל צו לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא, און אזוי געוואוינט מען זיך צו פון קינדווייז אן אז די דף גמרא איז א זאך וואס מען מוז לערנען יעדן טאג ביז ווען מען געט צוריק די נשמה צום אייבערשטן.

# היכל הקודש נייעס

אמעריקא

## אנשי שלומינו ליידן גרויסע בזיונות



ווי מיר ווייסן אלע איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכן אין היכל הקודש צו עוסק זיין אין הפצה. דער ערשטער מפיץ איז געווען דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה; ער פלעגט גיין אין שול'ן פארשפרייטן די הייליגע ספרים פון רבי'ן, עצות פאר אידישע קינדער ווי אזוי צו קענען דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה.

רבי נתן פלעגט אויסשפרייטן א טיש מיט ספרים און ווארטן אין די זייט, אפשר וועט ער קענען מזכה זיין נאך א איד מיט די ליכטיגע עצות; נישט איין מאל האט ער געהאט גרויסע בזיונות, מען האט געשפיגן אויף אים, מען האט אים געשענדעט, מיט דעם אלעם האט ער ווייטער עוסק געווען אין די הייליגע ארבעט.

אזוי אויך, אונזער גרויסער רבי, מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, האט כל ימיו עוסק געווען אין הפצה; די וועג פון הפצה וואס מוהרא"ש האט געמאכט - איז נישט געווען פארדעם, מוהרא"ש איז געגאנגען אין די הייזער און אויסגעלערנט זיינע תלמידים צו גיין אין גאס, אין רעסטוראנטן, חתונות, שמחות, איבעראל; און אזוי פירן זיך אנשי שלומינו, מען גייט הפצה אפילו מען קען אויך פארשעמט ווערן.

יעצט איז אבער געווען א בזיון, וואס זייט די ישיבה שטייט האבן מיר נאכנישט געהאט אזא בזיון; די בזיון נעמט אריין אלע אנשי שלומינו, מען קען הערן רעדן און שמועסן פון דעם איינמאל און נאכאמאל, אונזערע בחורים און אינגעלייט ווייסן נישט וואו זיך צו פארשטעקן פאר בושה.

די מעשה גייט אזוי, עס איז אריינגעקומען א בחור אין ישיבה, מרדכי לייב נרו יאיר, ער האט זיך גענומען צו הפצה אזוי ווי א הונגעריגער מענטש וואס זעט עסן, אזוי ווי א דורשטעריגער וואס גייט אין מדבר און טרעפט וואסער; ער רוט נישט, צו אים קענסטו רעדן נאר פון איין זאך, פון הפצה! ער לערנט נאכנישט א יאר אין ישיבה און ער האט שוין מפיץ געווען צענדליגער טויזנטער ספרים, קונטרסים און גליונות - בלי גוזמה.

דאס איז א שטארקע פאטש אין פנים פאר זקני אנשי שלומינו, די וואס לערנען שוין אפאר יאר דא אין ישיבה, און אויך פאר די חתונה געהאטע תלמידים וואס פרובירן אראפצוליגן צוויי דריי גליונות א וואך צו שטילן די שולד געפילן און זיך לאזן איינרעדן 'איך בין אויך א מפיץ'.

יא יא, דאס איז זייער גוט ביז דו טרעפסט מרדכי לייב, קלאפ זיך אין פלייצע און זאג זיך אין די אויער: "איך בין א מפיץ..." אבער אזא בזיון וואס מיר גייען יעצט אריבער... מיר קענען שוין נישט טראכטן 'איך בין פון די נאנטע תלמידים', פון די תלמידים וואס זענען עכט היכל הקודש, לאמיר הערן וואס? וויפיל? וואו? ווען? - פון הפצה, וואס האב איך געטון אז נאך בחורים זאלן נישט דערטראנקען ווערן?

די וואך איז געווען א טראגעדיע, א קינד האט זיך דערטראנקען, א גוי'איש קינד, מען רעדט פון דעם, מען שמועסט פון די נייעס; אסאך קינדער, בחורים און אינגעלייט ווערן דערטראנקען יעדע רגע פון נסיונות, תאוות - ה' ישמרינו.

מיר האבן שטריק, מיר האבן רעטונגס שיפלעך, רעטונגס וועסטלעך זיי צו ראטעווען; פארוואס נאר מרדכי לייב? לאמיר אלע זיך אנשליסן, גיין הפצה, אדער על כל פנים אים העלפן מיט א וועג צו גיין און קומען.

מיר ווארטן און האפן אז אלע אינאיינעם וועלן טון וואס מער פאר הפצה, מען וועט זיך מער נישט דארפן שעמען.

**געענדיגט מיט די בזיונות!**

# היכל הקודש
# נייעס

**אמעריקא**

## באקומט דעם "זוהר מיט'ן ראש ישיבה" בחנם




אונזער צייטונג "קרית ברסלב בלעטל" דארף שוין נישט קיין גרויסע הקדמות. יעדע מאל קומט צו פילע אויסברייטערונגען און פארשענערונגען, וואס איז מלא תוכן ויראת שמים.

אינעם לעצטן וואך אליינס איז צוגעקומען נאך א צווייטע הערליכע וועכענטליכע פראיעקט אין די קינדער אפטיילונג, איינס "א מעשה פון תפלה פאר קינדער" ווי קינדער ווערן ארייגשיקן א מעשה'לע פון תפלה מיט א בילד פון די מעשה, וואס ווערט מיטן אייבערשטנ'ס הילף נאך שטערקער ארייגבאקן אין די קינדער די זאך פון תפלה, און אמונה.

זייט ביי זייט איז צוגעלייגט געווארן נאך א רובריק מיטן נאמען "נאך וועם הייס איך", ווי די קינדער ווערן ארייגשיקן וועכענטליך אביסל איבער דעם צדיק אדער צדקת נאך וועמען זיי הייסן, און ווי זיי שטערבן און האפן צו וואקסן אן עהרליכער איד און גיין אין די וועגן פון אונזערע זיידעס און רבי'ס. דאס ווערט בעזרת השם אריינגעבן א שטאלץ אין אונזערע קינדער איבער אונזער הייליגער אפשטאם און א בענקעניש צו גיין אין זייערע וועגן.

נאכדעם וואס דער קרית ברסלב בלעטל איז אריבער אן אומגלויבליכער סוקסעספולער יאר, ווען מיט סייעתא דשמיא איז מען ארויסגעקומען יעדע וואך מיט א גאר רייכער תוכן, וואס האט געהאלטן אין איין פארשענערט און פארבעסערט ווערן, (ועוד ידם נטיה בסייעתא דשמיא...) טוט דער קרן הדפסה וואס דרוקט און פארשפרייט דאס - ארויסקומען מיט א מעכטיגע פראמאשען, אז די אלע וואס ווען זיך איינשרייבן צו באקומען דעם הערליכן צייטונג אויף די פאסט, פון יעצט ביז חמשה עשר באב הבעל"ט, וועלן באקומען אן עקסלוסיוו מתנה בחנם, די נייע קונטרס "א שטיקל זוהר מיטן ראש ישיבה שליט"א" פאר דריי חדשים צוזאמען מיט זייער סובקריבשאן.

דער נייע גליון "חזית איש" א שטיקל זוהר הקדוש מיט'ן ראש ישיבה, וואס האט אנגעהויבן ערשיינען מיט עטליכע וואכן צוריק, האט שוין געשלאגן טיפע ווארצלען ביי אנשי שלומינו, די מפיצים זאגן אז עס ווערט ממש צוכאפט פון זייער הענט. אנשי שלומינו טרונקען מיט דורשט די הייליגע ווערטער פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי אין זוהר הקדוש, נאך דערצו ווען עס קומט באגלייט מיט די זיסע פירוש פונעם ראש ישיבה, וואס געבט אונז צו פארשטיין לעובדא ולמעשה די ווערטער פונעם הייליגן זוהר.

טראצדעם וואס עס איז דא א גאר שטארקע פארלאנג פון אנשי שלומינו אז מען זאל זיך קענען איינשרייבן צו באקומען דער הערליכער גליון פון זוהר הקדוש מיט'ן ראש ישיבה. צוליב טעכנישע סיבות, געט מען איבער, ווערט מען זיך דערווייל נישט קענען איישרייבן עס צו באקומען באזונדער. אבער אלע נייע סובסקריבשאן פאר קרית ברסלב בלעטל ביז חמשה עשר באב תשפ"ב הבעל"ט וועלן עס אם ירצה השם באקומען בחנם פאר דריי חדשים.

כאפט אריין, שרייבט אייך שוין איין, רופט אדער טעקסט 845-640-1743.

# מעשיות פון תפילה



## חיים מאיר ערפס - בארא פארק:

מיין קאר איז שוין אלט א שיינע פאר יאר און איך האב עס שוין געוואלט פארקויפן און קויפן א נייע. איך האב פראבירט צו פארקויפן די קאר, שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן א קאמפאני וואס איז געווען גרייט עס אפצוקויפן פאר א גוטע פרייז.

למעשה איז די קאמפאני איז צוריק געקומען זאגן אז זיי ווילן עס נישט קויפן ווייל ס'דא א פאליס רעפארט אז די קאר האט געהאט אן עקסידענט צוויי יאר צוריק ממילא איז עס ווערט מיט 10 טויזנט דאלער וויניגער, איך האב אבער געוויסט אז די קאר האט קיינמאל קיין עקסידענט נישט געהאט, בין איך אראפגעגאנגען צו די פאליציי סטאנציע, זען וואס די זאך איז, האבן זיי מיר געשיקט צו א צווייטע פאליציי סטאנציע וואו דער אפיציר וואס האט געשריבן די פאליס רעפארט ארבעט, און לויט די געזעץ קען עס נאר ווערן געטוישט ביי אים.

בין איך אראפ געגאנגען אהין, האבן זיי געזען אז אין די רעפארט שטייט אז צוויי קארס האבן געהאט אן עקסידענט אינמיטן די נאכט, און אריינגעקראכט אין צוויי געפארקטע קארס און איינס פון די געפארקטע קארס האט געהאט מיין פלעיט נאמבער.

די מעשה האט בכלל נישט געשטימט ווייל אין די רעפארט איז געשטאנען אינגאנצן א צווייטע ווי"ן נומער וואס געהערט צו עפעס א פרוי און נישט צו מיר, און ווי ס'קוקט אויס האט זי די זעלבע פלעיט נומבער ווי מיר אויסער איין אות אנדערש, און ווי עס שיינט האט דער אפיציר געמאכט א טעות מיט איין אות און אזוי איז ארויף מיין פלעיט אויפ'ן רעפארט.

האב איך געזאגט אז מ'ווייסט יא די אמת קען מען עס טוישן, זאגן זיי - נאכן ארומשלעפן אפאר וואכן - אז זיי קענען נישט ווייל זיי קענען יענעם נישט כאפן אויפ'ן טעלעפאן און דער אפיציר געדענקט שוין גארנישט פון יענע נאכט.

בקיצור.... נאך אפאר וואכן ווען איך האב שוין אנגעפאנגען מסכים זיין אז איך וועל דערלייגן געלט און ס'איז דערנאך, האב איז זיי נאכאמאל גערופן און זיי האבן מיר געלייגט אויף האלד, האב איך זיך דערמאנט אז אלעס האב איך שוין פרובירט אבער די איין זאך וואס ארבעט אלעמאל האב איך פארגעסן, יא! תפילה.

האב איך געזאגט פאר'ן באשעפער: "איך ווייס אז מיט תפילה קען מען אלעס טוישן איך וויל אזוי שטארק ס'זאל ארויסקומען א קידוש השם פון דעם ווייל יעדער, אפילו דער אדוואקאט וועם איך האב געפרעגט, האט שוין אויפגעגעבן, און מ'וועט מוזן מודה זיין אז ס'איז נאר דער אייבערשטער, און איך זאג צו אז איך וועל מפרסם זיין די "מעשה פון תפילה" אין די קרית ברסלב בלעטל".

איך ווארט נאך יעצט אויפן טעלעפאן זיי זאלן צוריק אויפהייבן און דערווייל שרייב איך שוין די מעשה און איך בין זיכער אז איך וועל ענדיגן שרייבן די מעשה פון תפילה אין אפאר סעקונדעס...

די רגע וואס איך האב געענדיגט שרייבן די פריערדיגע שורה האבן זיי צוריק אויפגעהויבן די טעלעפאן און מיר געזאגט אז איך קען אראפקומען מארגן רעדן מיט די סארדזשענט פון די טרעפיק דעפארטמענט און אויב יענער זאגט אז מ'קען עס טוישן וועט עס זיין מסודה. וכך הוה!

<<<<

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

שכוח אייבערשטער אז יעדער האט געמוזט מודה זיין אז יש מנהיג לבירה און ווען מ'בעט און מ'פארלאזט זיך נאר אויף אים, העלפט ער!

## יעקב יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

א) דעם פארגאנגענעם שבת פרשת קרח, די ערשטע וואך וואס דער ראש ישיבה איז דא געווען פאר'ן זומער, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל צוגיין צו שחרית, ווייל איך זייער שטארק ליב צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען פאר די עמוד, דער ראש ישיבה דאווענט זייער ווארים און געשמאק, שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה איז טאקע צוגעגאנגען צום עמוד און ס'איז געווען גאר שיין, איך האב געהאט א שטארקע התעוררות.

ב) פרייטאג צונאכט'ס האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אויפשטיין בערך 8:30 צו קענען זיין שוין ווען דער ראש ישיבה לערנט פאר זוהר הקדוש. צופרי האב איך זיך אויפגעוועקט מיט איין בהלה, קוקנדיג אויפ'ן זייגער זע איך אז מיין זארג איז נישט געווען אומזיסט, ס'איז שוין געווען 9:30. איך בין שנעל ארויס פון בעט, אזוי בשעת'ן זיך גרייט מאכן צו גיין אין שול געב איך א קוק אויך אן אנדערע זייגער און איך זע אז ס'איז יא 8:30, קוק איך שנעל אויף א דריטע זייגער זע איך ווידער אז ס'איז יא 8:30, האב איך פארשטאנען אז די ערשטע זייגער איז פשוט צובראכן און איך בין יא אויפגעשטאנען גענוג פרי. שכח אייבערשטער

## לייבי אפפעל - קרית ברסלב:

שוין זייער א לאנגע צייט, זינט איך האב זיך אהערגעצויגן פון ארץ ישראל, וואס איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען באקומען א גרין קארט פאר מיין ווייב כדי מיר זאלן קענען דא וואוינען לעגאל.

שכח אייבערשטער אז נאך א שטיק צייט האבן מיר באקומען די לאנג ערווארטעטע אפוינטמענט. אנקומענדיג צו די אפוינטמענט האבן מיר געגעבן די נויטיגע פאפירן, אבער פאר אן אומפארשטענדליכע סיבה האבן זיי געזאגט אז איין געוויסע דאקומענט איז נישט גוט, איך זאל צוריק קומען מיט א בעסערע דאקומענט, זיי האבן צוגעלייגט אז מיר דארפן מאכן נאך אן אפוינטמענט און צוריקומען מיט דעם דאקומענט וואס זיי בעטן.

מיר האבן נישט אויפגעגעבן נאר ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן שוין באקומען די גרין קארט, שכח אייבערשטער אז זיי האבן מיר געגעבן אן אפוינטמענט פאר די נעקסטע טאג, וואס דאס אליין איז א אויסטערלישע זאך וואס פאסירט נישט אפט, ווייל די ליסטע איז זייער לאנג, און מען קען צומאלווארטן חדשים, למעשה האט דער אייבערשטער געהאלפן אז אין די פאר שעה ביז דעם קומענדיגן טאג האבן מיר געקענט שאפן דעם דאקומענט וואס זיי האבן פארלאנגט, און דאסמאל האבן זיי עס אנגענומען, און מיר האבן באקומען די גרין קארט בשעה טובה.

## אשר יעקב בלום - וויליאמסבורג:

איך האב ברוך השם די זכי' צו ארבעטן אינעם בית הדפוס היכל הקודש, מען האט געדארפט האבן א פרישע ארדער פון פאפיר וואס איז ספעציעל פאר דעם קרית ברסלב בלעטל, אבער עס איז יעצט נישט דא צו באקומען די סארט פאפיר.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין פאפיר פארן בלעטל, איין טאג קלינגט מיר אן דער פארקויפער און זאגט מיר איך האב יעצט באקומען אסאך פאפיר פון דעם סארט וואס דו דארפסט, איך האב גלייך געקויפט דעם גאנצן שיפמענט, וואס דאס אליין איז אויך געווען א נס אז ער האט געקענט באשטיין מיר צו געבן די גאנצע שיפמענט וואס ער האט באקומען.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַּארְעֶכְטְן; אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶעסְטֶע זוּמְפּ וואו מֶען אִיז נָאר פַארזִינְקֶען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען אָדֶער מֶען הָאט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים זָאל מֶען גוֹרֵס זַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען זָאל זָאגְן אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן גוֹרֵס זַיין אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט נָאכְדֶעם וָואס דַיין מֹחַ אִיז דִיר אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן אַזוֹיפִיל זִינְדִיגְן - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן הֶער נִישְׁט אוֹיס קֵיינֶעם, **עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין דִי אַלֶע וָואס וֶועלְן לַאכְן פוּן דִיר פוּן דֶעם וָואס דוּ דַאוֶונְסְט מִשְׁנַיוֹת,** דוּ קוּק נָאר אוֹיף דִיר אַלֵיינְס וֶועט דִיר גוּט זַיין.

וואוּ גֵייסְטוּ בַּיינַאכְט? וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ?! דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר אוּן זֶעט וָואס דוּ טוּסְט? דוּ מֵיינְסְט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ כג, כד): "**אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'**" ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "**הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעְרָאל; אַנְשְׁטָאט גֵיין צוּ עֲבֵירוֹת אָדֶער זִיצְן פַארְשְׁקְלַאפְט קוּקְנְדִיג מָאוּוִי"ס וְכוּ' נֶעם עֶנְדֶערְשׁ אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין מֹחַ, עֶס וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן אוּן דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אַנְשְׁטָאט גֵיין בַּיינַאכְט מִיט חֲבֵרִים אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער רַחְמָנָא לִצְלָן בְּלַייבּ עֶנְדֶערְשׁ אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אַז דִי וַוייבּ אִיז אִין קָאנְטְרִי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן בְּהֶפְקֵרוּת.

אִיךְ וֵויין אוּן אִיךְ בִּין בְּצַעַר פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת; אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה אוּן זִיכֶער אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיף דַיין אוּמְשׁוּלְדִיגֶע וַוייבּ. פָּאלְג מִיר, **לָאז אָפּ דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶועג;** אָדֶער קוּם אַרוֹיס צוּ דַיין וַוייבּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג אִין קָאנְטְרִי אָדֶער גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם גֵיין טוּן עֲבֵירוֹת.

אִיךְ צִיטֶער פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שד): "**אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן**", אוֹיבּ מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶס וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן וֶוערְט בִּזְיוֹנוֹת הַשֵּׁם יְרַחֵם.

נָאכְאַמָאל, **נֶעם יֶעצְט אַ מִשְׁנַיוֹת; לֵייג אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן, לֶעשׁ דָאס אוֹיס אוּן וַואשׁ זִיךְ אָפּ מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה** - וֶועט דִיר גוּט זַיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער
## ראש ישיבה שליט"א



## פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פַארְצֵיילְט:** אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַז אִיךְ זָאל אִים הֶעלְפְן, נָאכְדֶעם וָואס זַיין וַוייבּ אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן אִים; פְרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר, אִיךְ קֶען דִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט?!" זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִיךְ קֶען צוּרִיק שְׁטֶעלְן מַאן אוּן וַוייבּ. הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טוּן פַאר אִים, וַוייל דָאס הַארְץ הָאט מִיר גֶערִיסְן צוּ זֶען ווִי אַזוֹי אַ מִשְׁפָּחָה פוּן אַכְט קִינְדֶער וֶועט גֵיין צוּגְרִינְד. בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, פְרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס הֵייסְט שְׁפֶּעט?" זָאגְט עֶר מִיר: "נָאךְ סוּכּוֹת", זָאג אִיךְ אִים: "גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא, דוּ בִּיסְט אַ הֶפְקֵר מֶענְטְשׁ, דוּ הָאסְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ וַוייבּ מִיט אַכְט קִינְדֶער אוֹיף גַאנְץ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי?! דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט אִין יָאר וָואס אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מֵילָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן מִיר אַ בַּאפֶעל פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז מִיר מוּזְן קוּמֶען, אָבֶּער יוֹם כִּיפּוּר אוּן סוּכּוֹת?!" וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶר וואוֹינְט אִין אַ שְׁטֶעטְל וואוּ עֶס וואוֹינֶען נִישְׁט צוּ סַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, אוּן יֶעדֶער קֶען זִיךְ, אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אִיז פַארְשֶׁעמְט בַּיי יֶעדֶעם אֵיינֶעם דָארְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל וֶוער עֶס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "**מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע**", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין קַיין שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף אִים; וַוייל עֶר טְרָאגְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם צַדִּיק, אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק.

**אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעגֶעבְּן:** הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַלֵיין, אוּן זֵיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה, גֵיי עֶנְדֶערְשׁ אַהֵיים אוּן הֶעלְף אִין שְׁטוּבּ; פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ אוּן הֶער אִיר אוֹיס, אוּן וַוייז אִינְטֶערֶעסֶע אִין אִירֶע עִנְיָנִים. חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סג): "**נְחוֹת דַּרְגָּא**, גֵיי אַרָאפּ אַ שְׁטַאפְּל פוּן דִיר, וּנְסִיב אִיתְּתָא, אוּן הָאבּ חֲתוּנָה", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "**אִתְּתָךְ גּוּצָא**, דַיין וַוייבּ אִיז קְלֵיינְקֶעפִּיג, **כְּפוֹף עַצְמְךָ וּשְׁמַע דְּבָרֶיהָ**, לָאז דִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר"; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית אוּן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ.

# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִּיק



### בָּטֵל צוּם צַדִּיק

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֶם מֶענְדְל מְרִימֶענָאוו זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ מְשָׁרֵת וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן הֶערְשׁ מְשָׁרֵת, אוּן צְוִוישְׁן אַלֶע גַבָּאִים אִיז פַאְרן הֵיילִיגְן צַדִּיק נִישְׁט גֶעפָאלְן נָאר אִים, עֶר הָאט אִים אַלֶעס צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן בַּאדִינְט מִיטְן גְרֶעסְטְן גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אָנְגֶעגְרֵייט דֶעם בֶּעט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

עֶר הָאט יֶעדֶע זַאךְ נָאכְגֶעקוּקְט זַיין רֶבִּי'ן, אָבֶּער דִי וֶועלְט הָאט אִים אָנְגֶעקוּקְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶ'ער מְשָׁרֵת, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן "הֶערְשׁ מְשָׁרֵת", אָבֶּער וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רִימֶענָאוֶוער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָאט מֶען אָנְגֶעפַאנְגֶען אַיינְצוּזֶעהְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ חֲסִידִים הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אוֹיפְנֶעמֶען אַלְס אַ רֶבִּי, אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַ רֶבִּי, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין נָאר אַ מְשָׁרֵת".

דֶער סֵדֶר אִין רָאפְּשִׁיץ אִיז גֶעוֶוען, אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר סוּכּוֹת הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע קֶעסְטְלֶעךְ אֶתְרוֹגִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלֵיינְס אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דִי אֶתְרוֹגִים, אוּן הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד אַ אֶתְרוֹג, אוּן נַאטוּרְלִיךְ פַאר 'הֶערְשׁ מְשָׁרֵת' הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן דֶעם שֶׁענְסְטְן אֶתְרוֹג, פַאר דִי קִינְדֶער פוּנֶעם רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: טַאטֶע, פַאר 'הֶערְשׁ מְשָׁרֵת' וָואלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַ קַארְטָאפְל, וָואס וֵייסְט עֶר וָואס אִיז אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג?! [וִוי בַּאווּאוּסְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, וִוידֶערְאוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְבַּאהַאלְטְן] נָאךְ סוּכּוֹת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אוּן גֶעזָאגְט: אִיר הָאט גֶעהַאט קַארְטָאפְל! דֶער 'הֶערְשְׁל' וֶועט נָאךְ זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס.

וְכַּךְ הֲוָה, נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז עֶר טַאקֶע גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי אוּן אַ פּוֹעֵל יְשׁוּעוֹת. אָבֶּער פוּן וואוּ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה? וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם צַדִּיק, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט עֶר נָאר גֶעטוּעֶן אַזוֹיוִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקמ"ד).

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶעלֵייגְט מַיין שֵׂכֶל, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט שֶׁעפְּל אוּן לֶעפְל, [אוּקְרֵיינִישׁ אִידִישֶׁער אוֹיס-שְׁפְּרַאךְ], דָאס הֵייסְט גֶענוּמֶען דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַוֶועק זַיין שֵׂכֶל אוּן עֶר וֵייסְט: 'אִיךְ וֵייס נִישְׁט' וֶועט עֶר יֶעדֶעס מָאל מְקַבֵּל זַיין מֶער אוּן מֶער.

(קונטרס "גלייב אין דעם צדיק בתמימות")



# דעם רבינ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 39

**פארזעצונג פון פריער:** אום פְרַייטָאג, י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט רַאדִישׁ. דָארְט הָאט אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן צַדִיק זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ קֶענֶען גֵיין צוּם שִׁיף אָפְּנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִינְצְוִוישְׁן הָאט אָבֶער אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גֶעשְׁלֶעג צְווִישְׁן דִי אַרַאבֶּער, דֶער חָכָם אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרַיין אִין זַיין הוֹיף, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ מִיטְגֶענוּמֶען דָארְטְן ר' יִצְחָק, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף אָפְּנֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל דִי נַאכְט אִיז שׁוֹין צוּגֶעפַאלְן.

...

דֶער חָכָם הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט פַאר ר' יִצְחָק, "זָאלְסְט ווִיסְן אַז נָאךְ פוּן מַיינֶע פְרִיעֶ יוּנְגֶע יָארְן דִין אִיךְ שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה, מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן מִסְתָּמָא וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם שְׂכַר, דָאס אִיז אוֹיסֶער מַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹי וִוי יֶעדֶער אִיד; דָאס אַלֶעס לֵייג אִיךְ אַיין בַּיי דִיר אַלְס מַשְׁכּוֹן, אַז אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַייךְ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען, זָאל אִיךְ דָאס אַלֶעס פַארְלִירְן.

אִיךְ מֵיין נִישְׁט זִיךְ גְרוֹיסְצוּהַאלְטְן, אִיךְ וִויל נָאר דוּ זָאלְסְט מִיר גְלוֹיבְּן אַז אִיךְ לָאז אַייךְ נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר חַס וְשָׁלוֹם, נָאר סְ'אִיז פָּשׁוּט נִישְׁטָא מֶער קַיין צַייט הַיינְט צוּ טוּן אִין דֶעם. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ יֶעצְט מִיטְנֶעמֶען מַצוֹת, סַיי מַצָּה שְׁמוּרָה אוּן סַיי נָאךְ מַצוֹת אוֹיבּ אִיר וֶועט וֶועלְן עֶסְן, אוּן אוֹיךְ דִי בֶּעסְטֶע וַויין, אוּן גְרִינְצֵייג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף הָאבְּן צוּם סֵדֶר".

ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ דַאן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּרִיק צוּם שִׁיף, וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שִׁיף, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען וַוייט פוּן שְׁטָאט, גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט זַיין קוֹל אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ זֶע דִיךְ אַ לֶעבֶּעדִיגֶער, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מוֹרָא גֶעהַאט אַז זֵיי הָאבְּן דִיךְ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין יַם אַרַיין, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט מֶען מִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְוַוארְפְן. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי כּוֹחוֹת אוֹיסְצוּהַאלְטְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער וַוארְטְן בִּיז דוּ קוּמְסְט צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט אַז אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבְּן נָאךְ אֵיידֶער דוּ וֶועסְט דָא אָנְקוּמֶען".

וַוייל דִי פִילֶע שָׁעוֹת וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין אוֹיפְ'ן שִׁיף, נָאכְ'ן זִיךְ שֵׁיידְן מִיט ר' יִצְחָק, הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ וַוארְטְן בִּיז עֶר קוּמְט צוּרִיק, עֶר הָאט גֶעוַוארְט מַמָּשׁ בִּכְלְיוֹן עֵינַיִם אַז עֶר זָאל שׁוֹין צוּרִיק קוּמֶען.

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאבְּן זֵיי גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶערָאכְטְן אַ סֵדֶר וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרִינְקֶען, אוּן ר' יִצְחָק הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אִים אִין שְׁטָאט, אוּן וָואס דֶער חָכָם הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.



**ביים פָּארט פון שטאט ראדיש**

דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג פֶּסַח, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז גֶעקוּמֶען אַ בַּאפֶעל אַז מְ'זָאל צוּפִירְן דִי שִׁיף צוּם שְׁטָאט, אוּן עֶס צוּבִּינְדֶען צוּם פָּארְט.

דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט פֶּסַח הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָפְּגֶערָאכְטְן דֶעם סֵדֶר אוֹיפְ'ן שִׁיף.

זוּנְטָאג, דֶער צְוֵוייטֶער טָאג פֶּסַח, אִיז ר' יִצְחָק אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט צוּ גֵיין דָארְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער חָכָם אִים גֶעלַאדֶענְט צוּ קוּמֶען עֶסְן בַּיי אִים, עֶר אִיז טַאקֶע אַהִינְגֶעגַאנְגֶען עֶסְן דִי סְעוּדָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרִינְקֶען.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער חָכָם גֶעזָאגְט תּוֹרָה, סַיי זַיינֶע אֵייגֶענֶע חִידוּשִׁים, אוּן אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע צַדִיקִים, וִוי אוֹיךְ פוּן צַדִיקִים פוּן אוּנְזֶערֶע לֶענְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן ר' יִצְחָק עֶר זָאל אִים אִיבֶּערְזָאגְן תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע עֶפֶּעס נָאכְגֶעזָאגְט, אוּן דֶער חָכָם הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אוּן גֶעזָאגְט, "שִׂישׂוּ בְּנֵי מֵעַי וְכוּ'".

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל



## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

דִי פַּאסִיגֶע צַייט פַּאר'ן **חֲנֻכַּת הַבַּיִת** פוּנֶעם נַייעֶם בִּנְיָן "קֶרֶן הַדְּפָסָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" - אִיז **רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים.**

זוּנְטָאג אִיז אַ טָאג וָואס דִי אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן קֶענֶען דָאס מִיטְהַאלְטְן, אוֹיךְ קֶען עֶס זַיין אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה, אוּן אוֹיךְ אַ הֲכָנָה צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה (כַּמּוּבָא בְּחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה); דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואוּ זִיךְ צוּ גְרֵייטְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט זַיין אִינֶעם נַייעֶם בִּנְיָן וואוּ מֶען דְרוּקְט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעמֶען קַיין אוּמַאן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טֵייל נִישְׁט קַיין טַייעֶרֶע מַתָּנוֹת. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן נִישְׁט דִי זַאכְן, בִּפְרַט דִי וָואס גֶעבְּן פַאר הַדְּפָסָה, דִי וָואס הָאבְּן אַן הַרְגָּשָׁה אִינֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ - דִי דַארְפְן נִישְׁט טַייעֶרֶע זַאכְן. אִיךְ זָאג דִיר, עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, אַ שָׁאד דִי גֶעלְט.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַפָּאר פְּרָטִים וָואס אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה וְכוּ'.

## א מעשה פון הפצה

יואל טייטלבוים פארציילט:

א ברסלב'ער קאר סערוויס דרייווער אין קרית יואל, דערציילט מיר אז ער האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל טרעפן א וועג ער זאל אויך קענען טון הפצה, און ער האט כסדר געטראכט פון וועגן וויאזוי צו קענען ארייננברענגען אין נאך מענטשן זיי זאלן אויך וויסן פון די אלע לעבעדיגע עצות וואס מען באקומט אין היכל הקודש.

ביז דער אייבערשטער האט אים אריינגעשיינט אז אזוי ווי ער דרייווט ארום מענטשן וועט ער אריין לייגן אין קאר ביי די אינטערשטע זיץ אפאר גליונות און אזוי אויך א "קרית ברסלב בלעטל", אזוי זאלן די מענטשן בשעת'ן זיצן אין די קאר - ליינען די גליונות פון היכל הקודש.

דער דרייווער פארציילט מיר אז ער הערט צוריק פון קאסטומערס אז זייט זענען געפארן מיט אים האט זיי געטוישט זייער לעבן, זיי האבן געליינט אין זיין קאר זאכן וואס זיי האבן נאך אין זייער לעבן נישט געהערט.

אינטערסאנט איז געווען אז אפאר קאסטומערס האבן זיך שוין סובסקרייבט צו באקומען אויף די פאסט די גליונות און ספעציעל פאר די "בלעטל".

שיקט אריין אייער מעשה צו 845-379-1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצות אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## חנוכת הבית פארן קרן הדפסה היכל הקודש

ענדליך ענדליך נאך אזוי לאנג ווארטן אויף דעם חנוכת הבית פארן נייעם בנין קרן הדפסה היכל הקודש אין ליבערטי, קומט אריין די גאר פריילעכע נייעס אז מען האט שוין באשטומט א דאטום ווען די חנוכת הבית זאל פארקומען.

אין א בריוו פון דער ראש ישיבה צום בית הדפוס (קוקט דעם בריווביים פריערדיגן עמוד) שרייבט דער ראש ישיבה אז די בעסטע צייט פאר אזא חנוכת הבית וואלט געווען גוט ראש חודש אלול זונטאג פרשת שופטים.

גלייך נאכן הערן פונעם ראש ישיבה דעם דאטום, האט זיך אנגעהויבן קאכן און רודערן אינעם בית הדפוס צו אנהייבן צוגרייטן פאר אזא זעלטענעם מסיבה, וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג, עס איז דאך נישט קיין פשוטע זאך, אז מען האלט שוין דא, ווען עס איז דא אזא גרויסע הערליכע בנין נאר פאר דעם ציהל פון דרוקן ספרים און קונטרסים, גליונות און נאך, אלעס נאר פאר דעם איינעם ציהל פון פארשפרייטן דעם אייבערשטענ׳ס נאמען אויף די גאנצע וועלט.

ווי מען הערט פון בית הדפוס איז דער מסיבה פארשפראכן צו זיין גאר א רייכע שיינע מסיבה וואס לוינט זיך נישט צו פארפאסן, אויב האט איר נאכנישט אפגעצאלט דעם סכום וואס איר האט באשטומט צו געבן פארן בית הדפוס, ביטע פארבינדט אייך מיטן גבאי האברך ר׳ לייב ראטה הי״ו אויף 347-578-4449

מער פרטים וועט מען מעלדן אין די קומענדיגע טעג בעזרת השם יתברך.

# בילדער פון קרן הדפסה



א בליק אין די פאנדרעייזינג אפיסעס אינעם בית הדפוס



די קינדער פון שטעטל חדר באזוכן אין בית הדפוס



א קונטרס אויף ענגליש פריש ארויס פון דרוק

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז״ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| מרדכי אהרן היילפרין<br>קרית ברסלב | חיים מאיר ערפס<br>בארא פארק | משה פריעד<br>וויליאמסבורג |
| אברהם יצחק אייזנער<br>וויליאמסבורג | שמעון פיש<br>בארא פארק | אברהם פיש<br>קרית ברסלב |
| שאול חיים איינהארן<br>סטעטן איילענד | ראובן בירנבוים<br>קרית ברסלב | מרדכי לייב טירנויער<br>קרית יואל |
| יודא אריה טורנהיים<br>קרית יואל | יוסף פעלדמאן<br>מאנסי | יעקב פראמאוויטש<br>לעיקוואד |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 347.578.4449



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## שבת שלח תשפ"ב

געלויבט דער אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' די וואך שבת קודש פרשת שלח צו עסן די סעודה שבת ביינאכט מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

### חשובע געסט

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען מיט א פרייליכן גוט שבת! גוט שבת! און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געברענגט א חשוב'ע גאסט, איינער פון די גבאים אין ירושלים'ער שול, ר' יצחק שמואל פרענקל הי"ו.

### גאלדענע קאפטן

דער ראש ישיבה האט זיך אנגעטון זיין ווייס און גאלדענע בעקיטשע (ירושלים'דיגע קאפטן), און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דאס האט ער באקומען א ירושה פון זיין זיידע, דער קארלסבורגער רב זכותו יגן עלינו, וואס ער פלעגט עס אנטון אין מירון, און יעדע וואך שבת ביינאכט טוט עס דער ראש ישיבה אן ביז נאך קידוש.

### זוהר מיטן פירוש "חזית איש"

אויפן טיש איז געליגן די קונטרס "זוהר מיטן פירוש פון דער ראש ישיבה שליט"א" פון די וואך, און דער ראש ישיבה האט פארציילט פארוואס מען האט עס געגעבן די נאמען חזית איש. 'חזית': ווייל אין זוהר שטייט אסאך מאל תא חזי - קום און זע, 'איש': א' ש' איז די אותיות פון מוהרא"ש'ס נאמען און די י' איז פאר מיין זיידע, ר' יחזקאל רוטה. פון אים האב איך באקומען די געפיל אין זוהר, ער האט אסאך געלערנט מיט מיר זוהר, ער האט אריינגעלייגט אין מיר א ברען און געפיל צו זוהר".

### צוויי זאכן אויפאיינמאל

איינער פון די קינדער זענען געקומען צו דער ראש ישיבה וויינען אז א אנדערע קינד האט אים געטשעפעט, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "איך האב א גוטע עצה פאר דיר, קום זיץ דא נעבן מיר ביים טיש און איך וועל אכטונג געבן אויף דיר". אזוי האט דער ראש ישיבה געמאכט צוויי זאכן אויף איינמאל, סיי ער איז געווארן בארואיגט און אויפגעהערט צו וויינען, און סיי ער האט אפגעלאזט די שפילצייג און ער איז געקומען זיצן ביי די שבת'דיגע סעודה.

אויף דער ערד איז געווען אויסגעגאסן די שפילצייג מיט וואס די קינדער האבן פריער געשפילט, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו איינער פון די קינדער ער זאל עס שנעל צאמפאקן ווייל די מלאכים זענען דא און זיי ווילן זען א שיינע אויפגערוימטע הויז.

### מלאכים

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן און געפרעגט פון די קינדער: "ענק ווייסן וויפיל מלאכים זענען יעצט דא? צוויי מלאכים וואס באגלייטן דעם מענטש, און נאכדעם יעדע מצוה וואס מען טוט אינמיטן די וואך באשאפט א מלאך, און די אלע מלאכים קומען שבת צו די הויז".

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער אז ס'איז דא א גוטע מלאך און א שלעכטע מלאך וואס באגלייטן יעדן איד. אויב איז דא א שיינער שבת טיש, וואונטש דער גוטער מלאך אן אז נעקסטע וואך זאל אויך זיין אזוי, און דער נישט גוטער מלאך דארף ענטפערן אמן. האט איינער פון די קינדער געפרעגט, אויב אזוי וואלט געדארפט זיין אז אויב איינער מאכט איין וואך א שיינע שבת טיש זאל שוין יעדע וואך זיין שיין? האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט אז דאס איז זייער א גוטע שאלה, און אים אויסגערומט וואספארא קלוגע שאלה ער האט געפרעגט. דערנאך האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "איך האב געטראכט, אז עס מוז זיין אז אפילו מען באקומט א ברכה פון א מלאך, דארף מען נאך אלס ארבעטן זיך צו קענען שטארקן אויף די יצר הרע".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן, אז מען דארף אנהייבן זינגען זמירות, ווייל די מלאכיםווארטן, און באלד וועט מען שמועסן. דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען זמירות מיט א פריילעכקייט, "שבת שלום ומבורך, הייליגער שבת, לעכטיגער שבת, זיסער שבת" און דער ראש ישיבה האט זיך געוואנדן צו זיין זון הערשי און אים געפרעגט: "וואס נאך קען מען זאגן? בשמים'דיגע שבת! גוטע שבת!"

אינמיטן זינגען זמירות האבן איינער פון דער ראש ישיבה'ס קינדער זיך געשפילט מיט די גלעזלעך וואס זענען געווען אנגעגרייט, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז ער זאל נישט אנכאפן די גלעזלעך. ער האט עס טאקע אפגעלאזט, אבער נאך אפאר מינוט האט ער ווידער אנגעפאנגען שפילן מיט דעם, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט זייער שטרענג:

<<<<

"דו הערסט נישט? דיינע אויערן זענען פארשטאפט? כאפ נישט אן די גלעזלעך".

דער ראש ישיבה'ס קליינער אינגל און קליינע מיידל האבן זיך געשפילט צוזאמען, האט דער ראש ישיבה אים צוגערופן און געזאגט שטרענגערהייט: "איך האב דיך שוין אפאר מאל געזאגט, אינגלעך שפילן זיך נישט מיט מיידלעך".

**קינדער הערן נישט**

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב, איך מיין אז אפאר פון אונזערע קינדער דארף מען טראגן צום דאקטער נאך שבת, עס קען זיין אז זייערע אויערן זענען געווארן פארשטאפט... און דער ראש ישיבה האט פארציילט וואס איז פארגעקומען היינט ביים דאווענען: "איך האב נישט געקענט דאווענען, יעדע מינוט האב איך זיך געדארפט אפשטעלן פאר א אנדערע קינד. נאכאמאל און נאכאמאל זאגן, קוק אריין, דאווען, שמועס נישט, איך האב נישט געקענט דאווענען! אינמיטן דאווענען האב איך געוואלט וויינען, באשעפער איך וויל דאווענען! וואס זאל איך טון, זאל איך צומאכן מיין סידור און זאגן פאר די קינדער א גאנצן צייט קוק אריין, דאווען, אפשר דארף מען זיי טראגן צום דאקטער? אפשר קענען זיי נישט גוט הערן??"

דער ראש ישיבה האט זיך געווענדן צום גאסט, ר' יצחק שמואל פרענקל, און אים געפרעגט: "דיינע קינדער הערן אויך נישט ווען מען רעדט צו זיי?" האט ער האט געענטפערט אז ס'פאסירט אסאך מאל, האט דער ראש ישיבה זיך צושמייכלט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווער עס וועט די וואך אויפהייבן די בעכער? אלע קינדער האבן געוואלט האבן די זכי', און דער ראש ישיבה האט מכבד געווען דער גאסט צו אויפהייבן דעם בעכער. דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט און גענומען דעם כוס אין די האנט, און דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען 'יום הששי' נאך קידוש האבן אלע קינדער זיך געשטעלט אין א רייע ביים סינק און דער ראש ישיבה האט געוואשן אלע קינדער.

דער ראש ישיבה'ס טאכטער איז אויך געשטאנען אין די רייע און דער ראש ישיבה'ס זון איז געשטאנען גלייך נעבן איר. האט דער ראש ישיבה שטרענג געזאגט פאר זיין זון: "רוק דיך ארויף, ריר נישט אן קיין מיידלעך".

דער ראש ישיבה האט געמאכט המוציא און געטיילט פאר יעדעם חלה, און דערנאך געוויזן פאר איינער פון די קינדער ער זאל גיין אריינברענגען די פיש.

אינמיטן עסן די פיש האבן צוויי פון דער ראש ישיבה'ס קינדער געשמועסט האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיי, יעצט שמועסט מען נישט, יעצט עסט מען און מען זאגט לכבוד שבת.

**פיש אדער א טייערע חתונה?**

דער ראש ישיבה האט פארציילט אויף איינעם פון ארץ ישראל וואס עסט נישט קיין סעלמאן פיש שבת, נאר געפילטע פיש, ווייל עס קאסט צו טייער. אבער יעצט ווען ער מאכט חתונה, מאכט ער א געהעריגע חתונה מיט אלע פיטשעוווקעס. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן, אפשר אנשטאט מאכן א רייכע חתונה, קען ער עסן א גאנץ יאר פיש, און ווען עס קומט צו חתונה מאכן זאל ער חתונה מאכן נארמאל, ביליג?

מען האט אריינגעברענגט די זופ און דער ראש ישיבה האט געגעסן די זופ און געזאגט: "אזא גוטע זופ! איך מיין אז עס איז נאך קיינמאל נישט געווען אזא גוטע זופ". און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז די עסן ראט אין די געסט.

איינער פון די אנוועזנדע האט זיך אנגערופן אז די זופ איז אביסל צו געזאלצן, און דער גאסט האט צוגעלייגט, יא, ווייל עס ראט אין די געסט... האט דער ראש ישיבה געזאגט איך גלייך ווען די זופ איז אביסל מער געזאלצן.

**די גאנצע לעבן איז הפצה**

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר דעם גאסט אז עס איז געווארן יעצט אביסל א פראבלעם, ביי די ערשטע דריי קינדער האב איך געטון אזעלכע געלונגענע שידוכים, אזעלכע חשוב'ע משפחות וואס זייער גאנצע לעבן איז הפצה, וואס טו איך יעצט מיט די אנדערע קינדער? עס זענען דא אסאך וואוילע מיידלעך אין סקול, אבער איך זוך אזעלכע משפחות וואס לעבן מיט הפצה, וואס געבן זיך איינגאנצן אוועק צוריקצוברענגען נאך א איד צום אייבערשטן.

דערנאך האט מען אריינגעברענגט די פלייש, קוגל, און פערפל, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צום גאסט: "דו ביסט דאך א ירושלים'ער, אפשר קען מען אריינברענגען לאקשן קוגל לכבוד דעם גאסט?"

מען האט אריינגעברענגט א טעלער לאקשן קוגל און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז לאקשן קוגל איז לא קשיא, נישט האבן קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן. דערנאך האט דער ראש ישיבה געבעטן מען זאל אראפשיקן די לאקשן קוגל אויך פאר די פרויען און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיי אז לאקשן קוגל איז געזונט, לאקשן קוגל מאכט דאר.

**א חלום פון מוהרא"ש**

דער ראש ישיבה האט פארציילט וועגן עפעס א אינגערמאן וואס א וואך פאר ער איז געווארן א חתן, האט ער גע'חלום'ט ווי מוהרא"ש טראגט אים אריין אין גן עדן. קודם האט ער זיך דערשראקן, אפשר גייט ער שוין שטארבן, האט ער

פארציילט זיין חלום פאר ר' יואל פארקאש הי"ו און ער האט אים געזאגט אז עס מיינט אז די וואך וועט ער ווערן א חתן.

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט וועגן נאך איינער וואס איז יעצט געווארן א חתן, וואס ער איז מקורב געווארן שוין נאך וואס מוהרא"ש איז נפטר געווארן, און ער האט קיינמאל נישט געזען מוהרא"ש, אבער א וואך פאר ער איז געווארן א חתן האט ער גע'חלומ'ט ווי מוהרא"ש זאגט אים אז ער גייט ווערן א חתן די וואך.

## לעבן מיט'ן אייבערשטן

אבער דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן און געזאגט איך ווייס נישט וועגן חלומות, איך בין א פשוט'ער איד, איך קען רעדן צום אייבערשטן, איך רעד צום אייבערשטן, און איך מאך אנדערע מענטשן אויך רעדן צום אייבערשטן. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז עס איז דא אמאל א מענטש וואס ער קען זיך אפלעבן זיין גאנץ לעבן און נישט כאפן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. ער קען אפילו שרייען ה' הוא האלקים! אבער ער טראכט נישט אז ס'איז דא א באשעפער, ער לעבט נישט מיט'ן אייבערשטן.

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט די קאמפאט, דער ראש ישיבה האט געמאכט א בורא פרי העץ און געגעסן און דער ראש ישיבה האט קאמפלימענטירט זיין ווייב אז אלע עסן איז געווען זייער געשמאק.

## א מעשה פון תפילה

אינמיטן די סעודה זענען אלע קינדער געגאנגען שפילן מיט די שפילצייג, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אז ער מיינט אז היינט וועלן נאר די טאטעס קענען באקומען אייסעס, ווייל נאר זיי זיצן שיין ביים טיש... אלע קינדער זענען שנעל געקומען צו לויפן צום טיש, און מען האט אריינגעברענגט די אייסעס. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווער עס פארציילט א מעשה פון תפילה, קען באקומען א אייסעס.

איינער פון די קינדער האבן שנעל אנגעפאנגען צו זאגן, באשעפער איך וויל זיין פרייליך, באשעפער איך וויל זיין פרייליך, אסאך מאל. און ווען ס'איז געקומען זיין רייע צו פארציילן האט ער געזאגט אז ער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל זיין פרייליך און די אייבערשטער האט געהאלפן ער איז פרייליך... דער ראש ישיבה האט אים געגעבן א אייסעס אבער דער ראש ישיבה האט אים געזאגט, איך וויל הערן פון דיר א געהעריגע מעשה פון תפילה.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז א פרוי פון ארץ ישראל האט אים געשריבן א שאלה אז זי וויל שיקן איר קינד אין א קינדערגארטן, און זי וויל וויסן אויב זי זאל שיקן צו א נאנטע קינדערגארטן ווי מען רעדט העברעאיש, אדער אויב זאל זי זיך אנשטרענגען און טראגן צו א ווייטערע פלאץ ווי מען רעדט אידיש. און דער ראש ישיבה האט איר געענטפערט אז אוודאי זאל זי שיקן צו די פלאץ ווי מען רעדט אידיש, אפילו אויב זי וועט זיך דארפן אנשטרענגען און שיקן צו א ווייטערע פלאץ.

> ביי די ערשטע דריי קינדער האב איך געטון אזעלכע געלונגענע שידוכים, אזעלכע חשוב'ע משפחות וואס זייער גאנצע לעבן איז הפצה, וואס טו איך יעצט מיט די אנדערע קינדער? עס זענען דא אסאך ווילדע מיידלעך אין סקול, אבער איך זוך אזעלכע משפחות וואס לעבן מיט הפצה, וואס געבן זיך איינגאנצן אוועק צוריקצוברענגען נאך א איד צום אייבערשטן.

## מיידלעך לערנען נישט חומש

דער ראש ישיבה'ס טאכטער האט פארציילט אז א מיידל וואס פלעגט אמאל לערנען אין איר קלאס גייט יעצט אין א סקול ווי מען לערנט מיט די מיידלעך חומש. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן 'נעבעך'. האט זי נישט פארשטאנען פארוואס דער ראש ישיבה זאגט 'נעבעך', און זי האט געפרעגט "עס איז אן עבירה פאר א מיידל צו לערנען חומש"? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יא, עס איז א עבירה, מיידלעך טארן נישט לערנען קיין תורה".

מען האט נאך אביסל ווייטער געשמועסט, איך געדענק נישט פונקטליך אלע שיחות אבער ס'איז געווען זייער פרייליך, לוסטיג און לעבעדיג.

נאכדעם האט מען געזינגען זמירות, עס איז געווען זייער שיין, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געבענטשט מיט די קינדער.

ש'כח אייבערשטער אז איך בין געווען ביי אזא הייליגע סעודה, איך האב נישט די ווערטער צו באשרייבן ווי עס איז געווען אזוי געשמאק און פרייליך, עס האט זיך געפילט ווי אין גן עדן ממש.

עס איז געווען אינטערעסאנט ווי אזוי דער ראש ישיבה מאכט א סעודה פרייליך און שטערנג צוזאמען, די אייבערשטער זאל העלפן איך זאל קענען אלעס נאכמאכן און פאלגן דער ראש ישיבה.

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

BUY AND SAVE

Store hours:

Sun -thurs 10:00 a.m.- 7:00 p.m.

Friday 10:00 a.m.-2:00p.m.

Monday special night hours open till 11:00 p.m.

Drop off hours is the same time




א שיינע געשמאקע
דירה אין
שטעטל צו פארדינגען
פאר זומער שבתים

ביטע רופט
יעקב יאקאבאוויטש
347-641-3618

איין רומיגע דירה
אין שטעטל אויף
האשקי גאס, צו
פארדינגען פאר
זומער שבתים

ביטע רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

Catskill Messenger Service

מיר טראגן פעקלעך טעגליך
קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.
און צוריק ביינאכט
מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.
פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר
ברוך אפעלדארפער
914-705-9524




צדקה מתן בסתר
מיר נעמען צאם צדקה
פאר ארימע משפחות
וואס האבן נישט קיין
ברויט אין שטוב
רופט אלחנן רוטה
347-633-4495

Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call

N. A. Appeldorfer

845-537-9681

# ענטפערס פון פאריגע וואך




## ווער זענען זיי?

### פון רעכטס צו לינקס

### מחנה היכל הקודש - זומער תש"ע

1. שמואל גליקמאן
2. יצחק אהרן וויינבערג
3. אברהם יודא פינקוס
4. לייבי אפפעל
5. נתנאל פארקאש
6. אייזיק ראטה (וויליאמסבורג)
7. יעקב נחמן שיק
8. גדלי' אפפעל
9. הערשל שניטצלער
10. ראש ישיבה שליט"א
11. ברוך מרדכי פעקעטע
12. יצחק הערש האפמאן

13 נחמן נתן קרויס

14. יואל יצחק לעבעוויטש

# וואו און ווער זענען זיי?




## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל



# קינדער אפטיילונג

## בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים

טײַעֶרע קִינְדֶער, לָאמִיר גֵיין קַיין אוּמַאן, לָאמִיר אַרַיינְקוּקְן אִין שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער, דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אָדְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם:

אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה קוּמְט פָאר בַּיים רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶסְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה. אִין דִי צְוַוייטֶע שְׁטוּבּ זִיצְט אָדְל דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער מִיט נָאךְ פְּרוֹיעֶן, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם.



״מַיין טַאטְנְ׳ס מֶענְטְשְׁן בֶּענְטְשְׁן אוֹיפְ׳ן קוֹל״

וְוִיבַּאלְד מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אִין בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶערְן הָאבְּן דִי פְּרוֹיעֶן נִישְׁט גֶעווּסְט ווִי מֶען הַאלְט בַּיי דִי סְעוּדָה בַּיי דִי מֶענֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט: ׳הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן? זָאלְן מִיר שׁוֹין אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן?׳ אַ טֵייל פְּרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״דִי מֶענֶער הָאבְּן שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, מִיר דַארְפְן שׁוֹין אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן״.

רוּפְט זִיךְ אָן דִי צַדֶיקֶת אָדְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם: ״אִיךְ זָאג אַייךְ מֶען הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט, מֶען הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן עֶסְן, מִיר קֶענֶען וַוייטֶער עֶסְן״; אַלֶע פְּרוֹיעֶן קוּקְן אוֹיף אִיר, זֵיי פְרֶעגְן אִיר: ״בִּיסְטוּ זִיכֶער אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט, אֶפְשָׁר הָאט מֶען שׁוֹין יָא גֶעבֶּענְטְשְׁט?״ רוּפְט זִיךְ אָן דִי צַדֶיקֶת אָדְל: ״מַיין טַאטְנְ׳ס מֶענְטְשְׁן בֶּענְטְשְׁן אוֹיפְ׳ן קוֹל, מִיר וָואלְטְן זִיכֶער גֶעהֶערְט זֵייעֶר בִּרְכַּת הַמָּזוֹן״.

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען אַ גֶערוּדֶער, מֶען הֶערְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס ווִי מֶען בֶּענְטְשְׁט בִּרְכּוֹת הַמָּזוֹן אַזוֹי שֵׁיין; רוּפְט זִיךְ אָן דִי צַדֶיקֶת אָדְל: ״אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָאס גֶעזָאגְט, מַיין טַאטְנְ׳ס מֶענְטְשְׁן, וֶוען זֵיי בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בֶּענְטְשְׁן זֵיי אוֹיפְ׳ן קוֹל״.

קִינְדֶער, יֶעצְט וֶועלְן מִיר אַלֶע בֶּענְטְשְׁן שֵׁיין הוֹיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל, אַזוֹי ווִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים.

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

רבקה וועבערמאן תחי'
פון קרית ברסלב פארציילט: עס איז געווען א נעסט פון פייגלעך ביי אונזער הויז, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן:




# נאך ווער הייס איך?

**איך הייס:** אליעזר שלמה

**נאך:** רבינו מוהרא"ש זכותו יגן עלינו

## אביסל איבער אים

איך הייס נאך דעם גרויסן צדיק מוהרא"ש וואס האט געהייסן רבינו אליעזר שלמה שיק זכותו יגן עלינו.

דער צדיק האט זיין גאנצן לעבן זיך אוועקגעגעבן פאר אידישע קינדער, פון די זעכצן יאר ביז זיין פטירה ביי די 75 יאר האט ער נישט מסיח דעת געווען פונעם אייבערשטן, און ער האט געשריבן טויזנטער ספרים און בריוו פאר אידישע נשמות זיי צו ווייזן די רחמנות פונעם אייבערשטער צו זיי.

דער צדיק האט שטענדיג געהאט א שמייכל אויפן פנים, אפילו ער האט געהאט זייער א שווערע לעבן, זיין לעבן איז געווען איין שטיק יסורין, דאך האט ער געשמייכלט און געמאכט אנדערע שמייכלען.

איך האף צום אייבערשטן איך וועל אויך זיין א צדיק, איך וועל נאכגיין זיינע הייליגע וועגן און ברענגען נחת פארן אייבערשטן און פאר מיינע טייערע עלטערן, אמן.

**געשריבן דורך:**
אליעזר שלמה בן ר' יעקב פיש
כיתה ב' תלמוד תורה באיאן - בארא פארק



**אויפן בילד:**
דער גרויסער צדיק "מוהרא"ש זי"ע"

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

**ריבונו של עולם טאטע זיסער געב מיר א גוטע עצה, איך זאל וויסן וויאזוי זיך צו פירן.**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ש | ל | נ | ש | ח | ה | ה | צ | נ | פ | ד | ש | נ | פ | ר | ט | ח | ת | ר | ע | ע | ט |
| כ | ז | י | כ | נ | צ | ג | ר | י | א | פ | ז | ו | ס | מ | ב | ע | ג | מ | מ | ח | מ | י |
| מ | צ | ס | ר | ע | פ | ו | ת | נ | י | ר | ט | ה | כ | ר | ת | ס | ס | ב | ל | כ | א | ח |
| ל | ל | ו | צ | ק | ט | ט | פ | ר | ח | ז | ס | ב | ז | ז | פ | ר | פ | י | א | ו | ח | ש |
| ש | ב | ק | כ | ח | מ | ע | נ | נ | ל | ו | ח | ש | ל | ע | כ | ד | ה | ט | ז | ל | ע | א |
| ו | נ | ו | ב | י | ר | ע | ט | ח | ס | ד | ו | ל | צ | ג | ר | ז | ר | כ | ו | א | י | כ |
| ט | ד | ז | י | ח | ס | ל | ט | ס | ג | י | ז | י | י | ה | ש | א | ה | י | ג | ה | כ | א |
| ש | ב | י | ח | ל | צ | ת | ז | א | ל | ה | ו | נ | א | ש | ע | י | ו | ש | מ | א | ב | ב |
| ב | ע | מ | מ | ו | ב | ע | י | ת | ט | ז | ק | ו | י | ז | מ | נ | א | ה | ד | ה | כ | ס |
| ח | מ | א | פ | ר | ס | ב | ל | ש | צ | י | ז | ג | ס | ד | ו | ו | ק | ט | ש | ק | ל | ח |
| ו | א | ה | מ | ע | ז | ע | י | ו | ט | נ | ד | ת | ט | ט | א | י | פ | ו | ק | ח | ב | ה |
| ק | ד | ל | ד | צ | כ | ט | ח | נ | ח | צ | ש | פ | ד | ג | מ | י | ד | ב | ע | ד | ה | נ |
| ק | ש | ס | פ | א | צ | ט | כ | פ | ר | ס | צ | צ | ג | ש | ש | ס | כ | ו | ו | ע | ע | ת |

העלף נחמן נתן
אנקומען צו זיין
גוטע חבר









# א שיעור מיטן רבי׳ן

## אמת

**לא.** מִי שֶׁרוֹצֶה לָסוּר מֵרָע, וְרוֹאֶה שֶׁאֵין אֱמֶת בָּעוֹלָם, עוֹשֶׂה עַצְמוֹ כְּשׁוֹטֶה.

**טייטש.** אַ אִיד וָואס וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן עֶר זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֱמֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, מַאכְט עֶר זִיךְ וִוי אַ שׁוֹטֶה.

[פֵּירוּשׁ: וֶוען אַ אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר זֶעט וִוי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן לַאכְן אָפּ פוּן אִים, זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֱמֶת אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר גְרֵייט אֲפִילוּ אוֹיסְצוּזֶען וִוי אַ שׁוֹטֶה, מֶענְטְשְׁן זָאלְן אִים אָנְקוּקְן נַארִישׁ, אָבֶּער עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן זַיינֶע גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע וֶועגְן]

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | | 3 | | 2 | |
| | | | | | 4 |
| | 5 | 1 | | | |
| 5 | 2 | | 1 | | |
| | 3 | | | | 2 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 2 | 9 | | 1 | | 4 | 8 | |
| | | | 9 | | 7 | | | |
| 3 | 7 | | 5 | 4 | 8 | | 9 | 2 |
| | 9 | 2 | | | | 5 | 7 | |
| 8 | | | | | | | | 1 |
| | 1 | 5 | | | | 3 | 2 | |
| 7 | 8 | | 4 | 3 | 6 | | 5 | 9 |
| | | | 1 | | 2 | | | |
| | 6 | 4 | | 9 | | 8 | 1 | |

# חידות אפטיילונג



**דער הייליגער רבי זאגט: ווער עס האט ליב דעם צדיק דארף אכטונג געבן**

א. צו גיין מיט בלויע ציצית

ב. צו אויפשטיין לערנען פארטאגס

ג. ס׳זאל נישט ארויסגיין קיין שלעכטע נאמען אויפ׳ן צדיק

ד. צו לערנען 18 פרקים משניות

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך: ______

שאלה: **די חכמים זאגן: ווער איז א עושר?**

ענטפער: **ווער עס פריידט זיך מיט וואס ער האט**

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**חיים מענדל קאהן נרו יאיר - לעיקוואוד**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת חקת?

## פון אויבן אראפ.

1. קוק, דו ____ יא, לאמיר פרובירן
2. ____ איז א חודש פון רחמנות
3. מיר האבן א נאמען געגעבן אונזער קאנטרי ____ ____
6. אז מען איז מכבד די ווייב, האט מען ____ הצלחה
7. הער לעבעדיגע ניגונים, פרייליכע ניגונים, ____ און זינג
8. א קינד פון זיבן יאר אלט, זאל לערנען יעדן טאג אין די פרייע צייט ____
9. לאז אפ די ____, לאז אפ די קנאה
10. ענדערש זאלסטו ____ ווערן דא, ווי איידער אויבן אין הימל
14. נישט ענטפערן קיין ____ פון איינעם וועם איר קענט נישט
15. נעם אריין אין דיר____, וועסטו ארויסגיין פון אלע דיינע צרות

## פון רעכטס צו לינקס.

4. ווען עס קומט דיר אריין אזא נעגאטיווע מחשבה, לאז עס ____
5. דער אייבערשטער איז גרעסער פון אלע ____
11. מען זאלנישט פארבארגן די קרעדיט קארדס אפילו פאר דעם ____ מענטש
12. ____ איז שטערקער פון יעדע זאך
13. הויב היינט אן לערנען דעם בלאט ____
15. מען קומט נישט קיין ____ מיט ליידיגע הענט
16. נישט א ____, נאר א שטאט פון טויזנטער משפחות
17. נישטא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי ____ מאכן די עלטערן
18. ענדערש זאלסטו גיין ____ אין די צייט
19. אינגעלייט פארלירן זייער געלט דורך ____ און גנבים



## די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער
## אפטיילונג








דער ראש ישיבה באטייליגט זיך ביים חתונה פון בת מו"ה אהרן ווייס שליט"א מוהל מומחה - ליל ששי חקת



סיום מסכת יבמות אין קרית ברסלב ליבערטי - ליל ששי חקת תשפ"ב



דער דיין שליט"א ביים מאכן דעם הדרן ביים סיום מסכת יבמות



דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט די קינדער אין קאנטרי




דער מנהל פון תלמוד תורה ירושלים ר' יצחק פפנהיים הי"ו ביים פארלערנען א בריוו פונעם ר"י פאר די קינדער



אהערגעשטעלט א געשמאקן שווים באסיין אין מחנה
אילן החיים ליבערטי



דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט ר' יודל פייג הי"ו פון
חברה הצלה דקעטסקילס - א' בלק תשפ"ב



דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט די אינגעלייט אין
בחורים אין פאליש פון בית המדרש אויף האשקי



די קינדער פון חדר אין שטעטל ביים עסן פרישטאג
א' בלק



עס קומט אן א גרויסע פרידזשידער פאר די חדר אין
שטעטל



המלמד ר' יחזקאל סאמעט הי"ו ביים רעדן צו די קינדער
אין קעמפ פון די קינדער אין מחנה אילן החיים



די בחורים דאווענען שחרית אין שטעטל אינעם אלטן
בנין פונעם בית הדפוס



הערליכע פרוכת ארויפגעלייגט אין בית המדרש "עצתו
אמונה" אין שטעטל